STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00350

MAYN HEYM

Jechiel Lerer

Permanent preservation of this book was made possible by
The Ilene & Philip Garoon Family

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל לערער

מיין היים

די הכנסה פון דעם בוך איז באַשטימט פאַר דער

הילפס־אַרבעט פונעם פוילישן יידנטום

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

34

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

יחיאל לערער

מײַן הײם

מיט צײכענונגען אין טעקסט

פון

אריה מערזער

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1948.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

IECHIEL LERER

"MAIN HAIM"

(MI HOGAR)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1948.

☆ ☆
☆

פון איטשע מאיר ווייסנבערגס שטעטל — פון זשעלעכאָוו, איז יחיאל לערער געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור.

איטשע מאיר ווייסנבערג, דער בונטאַר און קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור, איז געווען זיין ערשטער ליטעראַרישער רבי, וואָס האָט אים געגעבן סמיכות אויף דיכטונג. ווייסנבערג איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים אנערקענט און רעקאָמענדירט, ווען יחיאל לערער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ביבלישע פּאָעמע „שאול און דוד".

אָבער ווייסנבערגס אָנערקענונג פאַרן יונגן דיכטער איז נישט געווען מאסגעבנדיק פאַר דער אָפיציעלער יידישער ליטעראַרישער קריטיק, וועלכע האָט זיך באַצויגן גאָר קאַלט צו יחיאל לערערס ערשטן דיכטערישן אַרויסטריט. אפילו זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען, וואָס זענען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ביכער „שטילקייט אין שטורעם" (לידער אין פּראָזע) און „ברונעמס אין פעלד" (לידער און פּאָעמען), האָבן ווייניק וואָס געענדערט די רעזערווירטע באַציאונג פון די קריטיקער צו יחיאל לערערן.

ערשט אין יאָר 1937, מיטן דערשיינען פון זיין פּאָעמע „מיין היים" איז יחיאל לערער שנעל אָנערקענט געוואָרן אַלס דיכטער פון הויכער מדרגה און האָט גלייך פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג אין פּוילן.

„מיין היים", וואָס די ערשטע אויפלאַגע דערפון איז אַרויסגע־
געבן געוואָרן אַ דאַנק דער פינאַנסיעלער הילף פון פּריוואַטע מענ־
טשן, האָט שנעל דערגרייכט אַ צווייטע אויפלאַגע, וואָס איז אַרויס־
געגעבן געוואָרן אין יאָר 1938 דורכן פאַרלאַג „ליטעראַרישע
בלעטער" און דער דיכטער האָט אין יאָר 1939, ערב דעם אויסברוך
פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַקומען אַ פּרעמיע פון דעם
יידישן פּען־קלוב אין פוילן.

יחיאל לערערס טאַלאַנט האָט אויפגעלויכטן, ווען דאָס יידישע
לעבן אין פוילן האָט זיך געפונען אויף דער שוועל פון אונטער־
גאַנג...

***

יחיאל לערער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900, אין דעם
דאָרף מראַזי, נעבן קאַלושין, וווּ זיין פאָטער האָט געאַרבעט אין די
דאָרטיקע וועלדער און וווּ די עלטערן האָבן צייטווייליק געוווינט.

דער פאָטער פונעם דיכטער, אַ חסידישער ייד, האָט געשטאַמט
פון זאַמאָשטש און די מוטער, אַן אייניקל פון ווורקער רבין, איז
געבוירן געוואָרן אין זשעלעכאָוו, וווּ יחיאלס עלטערן האָבן זיך
צוריק באַזעצט און וווּ דער צוקינפטיקער דיכטער האָט פאַרבראַכט
זיינע קינדער־יאָרן.

שוין אין זיין פריער יוגנט האָט יחיאל לערער אַרויסגעוויזן אַ
גרויסע נייגונג צו וועלטלעכע לימודים און צו דער מאָדערנער
העברעאישער פּאָעזיע, איבערזעצנדיק אויף יידיש אַ רייע לידער
פון העברעאישע דיכטער.

אַ יוגנט האָט לערער געהאַט אַ שווערע. דער גייסטיקער אי־
בערברוך צוליבן איבערגאַנג פון דער חסידישער סביבה פון זיינע
עלטערנס היים צו דעם וועלטלעך־יידישן לעבן, די מאַטעריעלע
שוועריקייטן, אין וועלכע ער האָט געלעבט — האָבן געלייגט
אַ טיפן חותם אויפן דיכטערס פערזענלעכקייט און אַ דראַנג צו גע־
פינען זיין אייגענעם וועג אין לעבן.

יחיאל לערער איז געוואָרן אַ חלוץ און געוואָלט עולה זיין קיין
ארץ־ישראל, פונקט ווי דאָס האָט געטון זיינער אַ ברודער. ליידער

איז אים נישט געלונגען צו דערגרייכן זיין ציל און ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז יחיאל לערער פאַרבליבן אין וואַרשע, וווּ ער איז איינגעשלאָסן געוואָרן הינטער די מויערן פון געטאָ.

אין געטאָ איז לערער אַקטיוו געווען אין דעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אַלס מיטגליד פון דעם „ייקאָר" (יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע) און אַלס מיטאַרבעטער פון דער אונטערערדישער יידישער פרעסע, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער געטאָ־באַפעלקערונג, זי גייסטיק געמונטערט און צוגע־גרייט צום אַנטגילטיקן קאַמף קעגן דער נאַצישער אָקופּאַציע.

מען איז זיך משער, אַז אונטער די חורבות פון געטאָ אין די נאָך־נישט געפונענע אַרכיוון פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום, געפינען זיך אויך די ווערק פון יחיאל לערער, פּונקט ווי עס געפינען זיך דאָרט די ווערק פון פיל יידישע שרייבער און דיכטער־קדושים.

הגם יחיאל לערער האָט נישט געהאַט קיין שום פאַך־קענטע־נישן, איז ער אין געטאָ געווען צוגעשריבן אַלס קירזשנער אין די שולץ־פאַבריקן און אַ דאַנק דעם באַקומען די לעבנס־קאַרטע.

די גענויע דאַטע און דער אופן ווי אַזוי יחיאל לערער איז אומ־געקומען איז נישט באַוווסט. ער האָט געלעבט אין געטאָ ביז צו די צייטן פון דער צווייטער ליקווידאַציע (אָנהייב 1943), ווען ער, צו־זאַמען מיט אַ רייע יידישע שרייבער, דיכטער און קינסטלער, זע־נען אַוועקגעפירט געוואָרן צום אומשלאַג־פּלאַץ — צום טויט על קידוש־השם.

צו 42 יאָר איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס לעבן פון יחיאל לערער, פון וועמען די יידישע ליטעראַטור האָט געקענט אַזוי פיל דערוואַרטן.

ער איז אומגעקומען פּונקט ווי זיין היים, וועלכע ער שילדערט אין זיין קרוין־ווערק, פּונקט ווי זיינע עלטערן און נאָענטסטע קרו־בים, פּונקט ווי זיין שטעטל זשעלעכאָוו — פּונקט ווי דאָס גאַנצע אַמאָליקע יידישע לעבן אין פּוילן.

פון דער גאַנצער משפחה זיינער איז געבליבן בלויז אַ ברודער אין ארץ־ישראל און אַ שוועסטער, די פרוי פון דעם באַקאַנטן יידישן

שרייבער און דעם דיכטערס יוגנט־פריינט ש. ברײנסקי, אין באָ־גאָטאַ, קאָלאָמביע.

זיי האָבן באַצייטנס פאַרלאָזט די אַלטע היים...

***

איבערדרוקנדיק איצט יחיאל לערערס „מיין היים", ווערט אויס־געפילט די אויפגאַבע, וואָס די רעדאַקציע פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום" האָט זיך געשטעלט צו פאַרעפנטלעכן ווערק פון שרייבער־קדושים.

מיר האָבן ביז־איצט פאַרעפנטלעכט דעם באַנד זכרונות פון אלחנן צייטלין „אין אַ ליטעראַרישער שטוב", און דאָס בוך וועגן דער אַלטער יידישער קהלה „די יידן־שטאָט לובלין" פון פראָפ. ד"ר מאיר באַלאַבאַן — ביידע קדושים פון וואַרשעווער געטאָ.

יחיאל לערערס „מיין היים" איז דאָס דריטע בוך פון דעם דער־מאָנטן ציקל.

„מיין היים", וואָס דערשיינט אַלס 34טער באַנד פון דער בי־כער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", ווערט איבערגעדרוקט לויט דער ערשטער אויפלאַגע פון דעם ווערק, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1937.

די דאָזיקע אויפלאַגע אַנטהאַלט אויך אַ נאָכוואָרט, וואָס איז נישט אַריין אין דער צווייטער אויפלאַגע (פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1938), ווייל יחיאל לערער האָט זיך פאַרמאָסטן אָנצושרייבן אַ נייע פּאָעמע וועגן זיין אייגענער קינדהייט.

עס איז באַקאַנט, אַז ער האָט די נייע פּאָעמע געשריבן — עס איז אָבער נישט באַקאַנט, צי איז די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אָדער זי איז פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע גרויסע קולטור־אוצרות פון דעם יידישן שאַפן אין פוילן.

זאָל דעריבער דורך דעם איבערדרוקן די פּאָעמע „מיין היים" דערמאָנט ווערן מיטן טיפסטן יראת־הכבוד דער נאָמען פון דעם דיכטער־קדוש — יחיאל לערער.

ד י   ר ע ד אַ ק צ י ע

בוענאָס איירעס, מאי 1948.

יחיאל לערער

מיין היים

(דורך נאַכט צום באַגין)

„נאַקעט ווי אָדם"? — נישט גוט געזאָגט.
יענער האָט גאָרנישט און אַלץ דאָך פאַרמאָגט:
אַ גלויבן, אַ גאָט און פרייד פון אַ קינד,
און שרעק פון אַ קינד און מורא פאַר זינד.
נאַקעט בין איך, נאַקעט אויף אַ וואָר
אין טויזנט נײַנהונדערט זיבנאונדרײַסיקסטן יאָר.

כ'בין די מדבר אַליין, איר זאַמד דאָס פאַרברענטע,
אַ שול אַ פאַרשוועכטע פון שונאים געשענדטע,
אַ שוואַלבן-נעסט האַרבסט-צײַט, ווען ס'פאַלן די בלעטער,
א חורבה — א זכר נאָך געשטאָרבענע געטער,
אַ ביידל אין סאָד אונטער ווינטער-שניי בלייכן —
און נאַקעטער נאָך ווי די אַלע פאַרגלייכן.

אויך מיין עבר, דעם גאָלדענעם, האָט צייט שוין פאַרווישט;
דאָך אַנומלט, ווען כ'האָב זיינע בלעטלעך געמישט,
און אין שעהן זיך דערמאָנט, אין מינוטן פאַרגאַנגענע,
ווי שטערנדלעך בלויע, אין נאַכט-רוים צעהאַנגענע,
ווי שוואַלבן פויקע, איבער טייך-פלאַך געפלויגן —
האָבן טרערן, ווי פונקען, געברענט אין די אויגן.
אַ גאָט, ווען זיי וואָלטן געפלאָסן ווי קוואַלן!
דאָך האָבן זיי פאַרגליט און אַראָפּ נישט געפאַלן...

מיינע עלטערן וווינען אין שטעטעלע, אין קליינעם.
זיי שעצן ביז היינט נאָך זייער יחוס דעם שיינעם,
און שבת פאַרנאַכט, אין זיידנס געהילט,
זיצט, היינט נאָך, די מאַמע קינדיש צעשפּילט
און דערציילט פאַר די שכנות די גרויסקייט פון זיידן,
פון הייליקן וואָרקער, דעם באַלעבאָס פון גן־עדן.

דער טאַטע איז נאָר־וואָס פון „שטיבל" געקומען,
האָבן זיך די שכנות אין אַ זייט פאַרנומען,
אין הויז דעם אַדורכגאַנג צו מאַכן אים פריי,
ווייל ער גייט נישט אַדורך צווישן ווייבער צוויי;
און ווען אויך אפילו עס זיצט מיט דער מאַמען
דאָס שוועסטערל בלויז אין פאַדערהויז צוזאַמען,
ביידע קעגנאיבער און מ'זעט, אַז ער גייט,
רוקט זיך דאָס שוועסטערל גיך אין דער זייט
און לאָזט אים אַדורך. ווייל אַזוי איז דער דין,
און קיין קשיות צו פרעגן האָט נישט קיין זין.

איז דער טאַטע נאָר־וואָס פון שטיבל געקומען,
די שוועל קוים אַריבער — און שוין הערט זיך אַ ברומען
באַלד אויפגיין פון דאָרט, ווי אַ טייכל וואָלט פליסן,
ווי עמעצער וואָלט זיין האַרץ פאַרגיסן,
פאַר דעם, וואָס מען זעט נישט און דאָך איז ער דאָ
אין דער שבתדיק־שטילער, בין־השמשותדיקער שעה.

די מאַמע זיצט ווייטער אין הויז מיט די שכנות,


צאינה וראינה
שבת קודש

זיכער — דער טאַטע וועט נישט האָבן קיין טענות,
קיין פּיצל תּרעומות. ווייל געגרייט איז שוין אַלץ:
חלהלעך צוויי, אַ מעסטעלע זאַלץ,
דאָס האַנטעך, פאַרוואָרפן איבער דער שטול,
אַ מיסקעלע אָן ערדינס מיט זויער-מילך פול,
אַ שיסל צום וואַשן, אַ קופּערנע קוואָרט —
נו, קאָן מען זיך פאַרגינען צו רעדן אַ וואָרט
צו די שכנות די גוטע, וואָס שלינגען די ווערטער,
און רוען פאַרשטומט, געשמידט צו די ערטער,
גרייט אַזוי זיצן ביז מאָרגן און הערן —
ווייל יעדער זיין משא וויל אָפּוואַרפן גערן,
דעם פּרעס פון געמיט, פאַרנאַגלט, פאַרדרייפט,
די צרות פון קינדער, דעם דלות, וואָס פייפט,
און וויל, כאָטש אַ רגע, אין הימל זיין.
בפרט, אַז די מאַמע דערציילט אַזוי שיין,
לאַנגזאַם, שטיל און בנעימות אַזוי —
ס'דאַכט זיך אַ רגע, אַז אַ טראָפּעלע טוי
איז דאָס בלייערנע לעבן — לייכט און קלאָר —
און לאַנגע, גוטע גליקלעכע יאָר,
נחת פון קינדער, עשירות און רו
ווינטשן די שכנות און שמייכלען איר צו.

און ווען די פלאַמען פון שקיעה גייען ביסלעכווייז איין,
און מיין טאַטע גייט צוריק אין „שטיבל" אַריין,
מיט עשירות אין האַרץ, מיט כּזית אין טאַש,
האַלט ערשט מיין מאַמע ביי דער קופּע מיט אַש

פון אַ נשרף־אַ צדיק, וואָס געשטראָפט האָט אים גאָט
און זיין לעצט שטיקל נחלה אָפּברענען געלאָט.
און דער צדיק האָט אַלץ נישט זינדיקן געוואָלט,
איז דערפאַר אים דאָס אַש געוואָרן צו גאָלד,
אויפן אָרט פון געוויין איז געקומען געזאַנג
און ר׳איז גליקלעך געווען זיין לעבן לאַנג.

דערנאָך קומט אַ מעשה פון איינעם אַ ייד,
וואָס האָט איבער אַלץ דעם שבת געהיט;
דערנאָך קומט דער האַרציקער „גאָט פון אברם״,
ביז יעקב, דער שכן, עפנט די קראָם
און נעמט זיך גאָר פראָסט צו מאָס און צו וואָג —
ציטערט דער שאָטן פון שבתדיקן טאָג
און וואַנדערט — אַן איינזאַמער אורח אויפן וועג,
גייען אויך די שכנות אין די היימען אַוועק,
פאַרבענקטע, פאַרטראַכטע, אינערלעך פאַרטועין,
זיפצנדיק צינדט מען אַ שוועבעלע אָן,
אַ ליכטל פלאַמט אויף, אַ לעמפל ווערט וואַך
און דאָס קיכל נעמט רעדן אַ היימישע שפּראַך.

און באַלד קומט דער טאַטע פון „שטיבל״ צו גיין,
זינגענדיק לייגט ער דעם שבת־טלית איין
און רופט די מאַמען פון קיכל אַריין,
די הבדלה צו הערן, די הבדלה צו האַלטן.
ז׳איז איינע אַליין געבליבן מיטן אַלטן,
ווייל ס׳טעכטערל און ס׳זונדל, די יינגסטע פון די ניין,

וואָס זענען נאָך נישט אוועק, זענען ביידע אין פאַריין
יעדן אָוונט — און טאַטע־מאַמע לאָזט מען אַליין.

עס שווייגט היינט דער טאַטע, געוווינט צו דעם ווײ;
ער ווייסט שוין: סיי־ווי־סיי העלפט נישט קיין געשריי,
און אַז איידער מיט שלעכטן, איז גלייכער מיט גיטן.
האָט ער אַ מאָל דאָך נישט אויסגעמיטן
דעם פּאַטש און דעם בייזער. — ביי וואָס איז געבליבן?
ביי גאָרנישט געבליבן! זיינע קינדערלעך זיבן,
וואָס יעדעס באַזונדער איז געוויגן מיט גאָלד,
האָבן אויסגעפירט דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט,
אַראָפּ פון דעם וועג, צו אַלעמענס ווײ,
און ביידע יינגסטע זיינע טוען אויכעט ווי זיי.

די מאַמע לייענט אָפּ פון זיין פּנים די פּיין
און קוקט אים פול מיטלייד אין די אויגן אַריין,
וואָס שוועבן פאַרגלייזט אין אַן אומגעזען לאַנד.
זי זעט, ווי עס ציטערט דער בעכער אין זיין האַנט,
ווי דער וויין לויפט איבער דעם זילבערנעם ראַנד
און קעגן הבדלה־ליכט פינקלט ער, שיינט —
דאַכט זיך דער מאַמען, אַז דער בעכער וויינט,
ווייל ר׳האָט זיך דערמאָנט אין פאַרגאַנגענער פרייד,
ווייל ר׳האָט זיך פאַרבענקט צו דער חתונה־צייט.
פילט־מיט די מאַמע זיין בענקשאַפטס־פּיין
און וויל אים טרייסטן אין זיין געוויין —
נאָר דערהערט זי פלוצים, ווי דער טאַטע לאַכט...

— הבדלה — זאָגט ער — האָב איך שוין אָפּגעמאַכט
פון אַ גוטער מינוט און זי שטייט אַלץ און טראַכט!
פון וואָס אַ שטייגער? פון נעכטיקן טאָג?
פאַרדריסט עס די מאַמען און זי גיט אַ זאָג:
— און אַז פאַרטראַכט זיך, איז וואָס? און אַז פון נעכטיקע טעג?
און גיט־צו געלאַסן: גיי נישט אַוועק.
כ׳האָב אויפגעקאָכט וואַסער, טיי שוין פאַרבריט —
און גייט אָפּ פאַרשעמט, פאַרטועט אין געמיט.

דערנאָך קומט צו גיין רב פנחס אהרון מלכּם.
שטענדיק ברומט ער, דאָ טרויעריקס, דאָ פריילעכס,
נאָר אַממייסטנס סתם אַזוי. אַ שטייגער ווי אַ בין,
וואָס פלאַטערט אין פרילינג אַהער און אַהין,
איבער קאַרשן צעבליטע, איבער רויטן מאָן,
און ס׳ווערט איר נישט נמאס צו פליען אַזוי שעהן.
הקפות צו מאַכן אַרום און אַרום,
די ליפּן צו זוכן פון דער יונגער בלום,
און צו זינגען דערביי, צו זומען און ברומען. —
כאַטש ווו זענען, משטיינס־געזאָגט, רב פנחסעס בלומען?
סיידן אין הימל דעם ווייטן און ברייטן,
סיידן אויף שטערן, וואָס בליען, ווי קווייטן,
סיידן אין ווייטערע שפּעטערע צייטן;
ווען משיח בן דוד וועט קומען צו רייטן,
אויסלייזן ס׳פאָלק פון שאַנד און פון שפּאָט,
און ס׳וועט זיך צעבליען דאָס מלכות פון גאָט.

מוז זיין, אַז דאָרט טאַקע שפּראָצן זיינע בלומען,
און רב פּנחס זינגט זיי פאָרויס דעם הימן.
כאָטש דערוויַיל, לפי שעה, גייט עס שלעכט אויף דער וועלט,
(אַזוי ווי מיט פאַרעלטערט, אָפּגערופן געלט,
וואָס אַמאָל אַזוי טייער דעם קייסער אַליין,
און היינט — כאָטש וואַרף עס אין פייער אַריין),
פילט ער שטענדיק פאָרויס, ווי משיח קומט אָן;
ווי עס פילט דעם באַגין דער רויט־קאַמיקער האָן,
זיין ראָזע צעבליטקייט, זיין גאָלד־געקרוינטע פראַכט
און זינגט אויס זיין שירה אינמיטן דער נאַכט.

יעדן מוצאי־שבת שוין יאָרן, ווי ער קומט.
גוט וואָך! — זאָגט ער — און וויַיטער געברומט.
גוט וואָך! — זאָגט דער טאַטע — ברוך־הבא אַ ייד! —
און הייטערער ווערט זיין טרויעריק געמיט,
לינדער זיין בענקשאַפט צום שבת, וואָס אַוועק,
און די טיר געלאָזט פריי פאַר די וואָכעדיקע טעג,
וואָס שטייען אויף דער שוועל, ווי בעטלערס זעקס,
און מאָנען גראָשנס אויף קאַרטאָפל, געבעקס,
וואָס דאַרויף, ווי באַוווסט, דאַרף מען שטאַרק זיך באַמיען —
איצט וועט דער שבת נאָך אַ ביסל זיך ציען:
ווייל זיצן און שמועסן מיט רב פּנחסן אַ שעה
איז אַ גרויסע פרייד. און אויב פרייד איז נאָר דאָ!...

זיצט זיך רב פּנחס און זינגט זיך אָן ווערטער,
און דער טאַטע ווייסט, אַז זינגענדיק הערט ער,

און הערט, ווי מ׳דאַרף: מיט קאָפּ, מיט מוח,
און אַז דאָס נישט דערדערעדטע הערט ער אויך;
דערציילט אים דער טאַטע וועגן דעם, וועגן יענעם,
און שמועסנדיק קומט עס צו רייד פון גיהנום,
און דאַן פון דעם נגיד... זיין צוזאָג אויף הצלחה,
וואָס ער האָט פון אַלטן, זכרונו לברכה,
מיט צענדליקער יאָרן צוריק נאָך געקריגן,
און פון יענער צייט אַן געשטיגן און געשטיגן,
און דאָ בלייבט דער טאַטע אַ רגעלע שטיין:
אַוודאי — זאָגט ער — נישט אַלע קענען זוכה זיין — — —
און ווידער האַקט ער אָפּ, אַ ווייל איז שטיל.
„נאָר דער רבונו של עולם האָט דאָך אַזוי פיל,
פאַר מיר, פאַר דיר און פאַר אַלעמענס וועגן”.
און — שאַ! ווייל מ׳טאָר דאָך קיין קשיות נישט פרעגן.
און רב פנחס ענטפערט אַן ווערטער, אַן רייד:
גאָטס וועג ווער פאַרשטייט, גאָטס וועג ווער פאַרשטייט.

דערווייל איז די מאַמע אַריינגעקומען
אַ צווייט מאָל מיט טיי. זי האָט, לויטן ברומען,
רב פנחסעס קול דערקענט, ווי עס שיינט,
און כיבוד געברענגט פאַר דעם אַלטן פריינט.

זי גדענקט אים פון לאַנג, פון עבר דעם וויטן,
פון קינדהייט כמעט — יענע זעלטענע צייטן,
וואָס באַגלייטן דאָס לעבן, וואָס שווער איז און גראָ,
ווי אַן ערב-באַגין, וואָס איז אייביק בלאָ,

און טראָגט אין זיין בוזעם דעם ראָזן אינדערפרי.
זוי אַ רויז אַ פאַרמאַכטע, פאַרן גאָלדענעם צעבלי,
טראָגט אין איר קנאָספּ דאָס בלומען־קינד אויס,
ביז די צייט ווערט רייף און זי לאָזט עס אַרויס.

מיין מאַמעס יוגנט־טעג זענען לאַנג שוין פאַרגאַנגען,
און זיי זענען אַזאַ שאָד איר! ווי גאָלדענע זאַנגען
אין אַ זומער־באַגינען אויפן ווייצענעם פעלד,
פון ווינטעלע צעפּאַליעט, צעזוניקט, צעהעלט —
אַזוי זעט זי זיי היינט, ווי אַ חלום שוועבן.
נאָר דעמאָלט איז עס געווען נישט — חלום, נאָר — לעבן.
אַליין האָט מען אויך געהאַט אַזאַ בלאָנדן קאָפּ האָר,
און אַלץ איז געווען אַזוי דורכזיכטיק, קלאָר,
און נאָך שענער ווי אַ חלום, ווייל ס'איז געווען וואָר.
נאָר היינט איז עס חלום בלויז, ווייל ס'איז מער נישטאָ —
זיצט זי אָפּט אַליין אין דער טונקעלער אָוונט־שעה,
זעט בילדער — שענערע, ווי אין רייכסטן פילעם,
הערט טענער אויפגיין, ווי פסאַלמען פון תהילים.
הלוואי נאָר זאָל די שכנטע נישט קומען, ווייל זי שטערט;
זי פרעגט באַלד: וואָס מען מאַכט? און וואָס מען הערט?
און פאַרוואָס אין דער פינצטער? און פאַרוואָס פאַרקלערט?
און גאָט ווייסט, וואָס נאָך. און די מאַמע, שולדיק ווי אַ קינד,
ווערט זיך דאַרפן פאַרענטפערן, ווי געכאַפּט ביי אַ זינד:
זי איז נישט פאַרקלערט... און אָט־שוין צינדט זי אָן...
און אָנגעמען דעם וועלטלעכן, דעם פאַלשן טאָן...

און אין יענער שטוב האָט דער טאַטע צעיובלט זיך אַזוי:
„און גאָט וועט דיר געבן פון די הימלען דעם טוי,
דאָס בעסטע פון דער ערד, אַ סך קאָרן, אַ סך וויין,
פעלקער וועלן דיך דינען און דיינע קנעכט זיין” —
און די מאַמע, איינזאַם אין דער צווייטער שטוב,
טענהט שטום צום באַשעפער: כ׳וואָלט גענומען פאַר ליב
אַלע דיינע שטראָף, וואָס דו שיקסט מיר מיט די יאָרן,
נאָר דאָס, וואָס די קינדער זענען, נעבעך, זיך צעפאָרן
אין אַלע עקן וועלט, דער אַהין און דער אַהער,
דאָס זעסטו, רבונו של עולם, דריקט אַזוי שווער,
אַז ווען דו זאָלסט אַרויפליייגן דיין גאַנצע וועלט
אויף איין וואָגשאָל און מיין געמיט, נעבעך, וואָס מיך קוועלט,
אויף דער צווייטער וואָגשאָל, וואָלט מיינס איבערגעשוועררט. —

אויך דער טאַטע האָט יובלען דאָרט אויפגעהערט
און וויינט אויס אַ געבעט, איינגעהילט אין טרויער:
גאָט זאָל אים עפענען אַ טויער נאָך אַ טויער,
דערהייבן די וועלט מיט זיין ליכטיקער האַנט —
„די טויערן פון לויטערקייט, די טויערן פון פאַרשטאַנד,
די טויערן פון שיינקייט און פון רחמים די טויערן” —
אוי, וויפל שלעכטס, וויפל שונאים עס לויערן!
אַזש אַ ציטער גייט אַדורך איבערן לייב פון דער מאַמען:
כ׳זאָל זען נאָך אַ מאָל מיינע קינדער צוזאַמען,
רבונו של עולם! — און זי זיפצט אַזוי שווער,
ביז אַ הייסע, קאָכעדיקע, ברענענדיקע טרער
לייטערט דאָס געמיט ווי באַגינענדיקער טוי;

און אויך דער טאַטע האָט פלוצים זיך פאַרוואַנדלט אַזוי
און ער גייט שוין איבער דער שטוב צעזונגען און תקיף:
„גאָט האָט דיך אויסגעוויילט, ציטער נישט, יעקבֿ!"
אַראָפּגעקאָלערט מיט אַ מאָל דעם שטיין דעם שווערן
און פרייד צעפינקלט זיך אין שטוב ווי אַ שטערן.

איצט האָט די מאַמע זיך צוגרייטן גענומען
די מלוה־מלכה, ווייל עס דאַרפן באַלד קומען
די חסידים אַהער. — דאַרף מען צוגרייטן פאַר זיי
באַטש הערינג, קראַץ־באַרשט און אַ גרייץ. דעם טאַטנס ריי
איז אויסגעפאַלן היינט. ס'איז אָפּגעמאַכט צווישן זיך,
אַז די סעודה פון דוד המלך המשיח
זאָל יעדער חסיד נאָך דער ריי־נאָך געבן. —
סיי־ווי־סיי גייט עס מיטן קאָפּ אַראָפּ דאָס לעבן.
דאָס יונגע דור — מ־מ־מאַ! וואָס דאַרף מען דאָ שמועסן?
ס'וויל פון גאַרנישט הערן און פון גאַרנישט וויסן,
ס'איז כמעט „אין בית". די יסודות קראַכן,
און אין אַזאַ צייט מ'זאָל קיין חיזוק נישט מאַכן,
איז פאַר זיך אַליין קיין פאַרענטפער נישטאָ.
האָט מען געמאַכט אַ חוק: ערשטנס — אַלע טאָג אַ שעה,
צווישן מנחה און מעריבֿ, אַנשטאָט מיט נייעס
צו פאַרפלוידערן די צייט, זאָל מען לערנען משניות.
דער וואָס קען — מילא, קען ער. און דער, וואָס קען נישט אַליין,
זאָל דער צווייטער אים העלפן און געבן צו פאַרשטיין.
צווייטנס: אַזוי ווי די נויט איז, נעבעך, זייער גרויס,
און ס'זענען דאָ יידן, וואָס, ווען מ'העלפט זיי בלויז

מיט אַ קליינעם גמילות־חסד פון צייט צו צייט,
שטעלט מען זיי אויף די פיס און זיי ווערן לייט.
אויך ווייסט נישט קיינער, וואָס עס וואַרט אויף אים מאָרגן —
זאָל יעדער צאָלן וואָכעס, כדי ס׳זאָל קענען באָרגן
דער נויט־באַדערפטיקער ברודער, ווען ס׳דריקט אים די נויט.
און דריטנס: מלוה־מלכה. הערינג, גריץ און ברויט
גיט דער, וואָס די רײ פאַלט אויס צו זיצן ביי זיין טיש,
און ווייטער, אויב איינער וויל מיטברענגען פלייש, אָדער פיש,
איז אדרבא — קאָן ער ברענגען אין דער פאַטשיילע.
די באַלעבאָסטע מישט אויס די פּאָרציעס און במילא
ווייסט מען נישט, ווער ווייניק האָט געברענגט און ווער אַ סך.
און עס קאָן זיך פּאַרלויפן אָט אַזאַ מין זאַך:
דער אָרעמאַן, וואָס ברענגט, נעבעך, אַ מאָגער חלק,
זאָל (איינמאָל כאָטש!) עסן דעם נגידס שטיק ביילעק.
און דער איידעלער נגיד זאָל זיך אָפּשמעקן די צונג
מיט אַ מאָגער שטיק קאָפּפלייש, צי גאָר אַ שטיק לונג.

אין קיך איז די עלעקטרי אַרויפגעדרייט.
דאָס איז אויפגעקומען ביי אונדז ערשט די לעצטע צייט
און אין די ערשטע טעג האָט דאָס שטעטל געגאַפט:
זוי די לאָמפּן ברענען דאָס! אָן אַ קנויט! און אָן נאַפט!
און היינט נאָך אַפילו איז עס אויף אַזוי פיל ניי,
אַז ווען מען גייט צו דער וואַנט־צו און מען גיט דעם דריי,
קוקט מען גלייכצייטיק אַרויף, צי עס ברענט.
נאָר מען כאַפּט צוריק דעם בליק. ווייל עס ברענט דען? עס בלענדט!
און מ׳האָט דערצו ביז היינט נישט קיין צוטרוי ביי אונדז:

ווייס איך? אַ ברענער אין דער וואַנט. ס'עפּעס אַ מין קונץ...
ס'איז נישט דאָס, וואָס אַן אמתע לאָמפּ דאַרף זיין —
און אַ רעכטער מענטש לאָזט עס טאַקע אין שטוב נישט אַריין.

אויך די מאַמע וואָלט זיכער זיך באַגאַנגען דעראָן,
נאָר דער טאַטע, דער טאַטע — פון אייביק אָן
אויף אַזעלכע זאַכן קאַרגט ער נישט קיין געלט,
(ר'האָט אויך לעצטנס אַ קיך פון קאַפּליעס געשטעלט)
און כאָטש אויף דער עלטער און ס'איז שלעכט אַזוי איצט,
איז זיין מלבוש ריין און דאָס שטיוועלע געפּוצט.
ס'אַ משפחה-פעלער, דאָס מדקדק זיין אויף אַ האָר —
מיין טאַטנס טאַטן, ביי עטלעכע און אַכציק יאָר,
האָב איך אַליין געזען — אַ זאַך קוים צו גלויבן —
אויפן פענצטער זיך שטעלן און וואַשן די שויבן.
ר'האָט געוווינט אויף אַ צווייטן שטאָק, אויף אַ גאָרן,
זיין ווייב האָט געקרענקט אין די עלטערע יאָרן
און דאָך, וואָסער ריינקייט האָט געפּעכלט דאָרט
און ווי יעדע זאַך איז זיך געשטאַנען אויף איר אָרט.

מיין מאַמע האָט אויף אַזוי פיל די ריינקייט נישט געהיט
און ס'פלעגט טאַקע אויסברעכן אויפן דאָזיקן געביט
אָפטע מחלוקתן צווישן טאַטן און דער מאַמען.
ווייל כאָטש פרומע אַלעביידע און ביידע שטאַמען
פון רבישע הויפן, פון צוויי גרויסע גוטע-יידן —
נאָר די שיטות פון יענע זענען געווען פאַרשידן:
איינער האָט זיך, דעמאָלט נאָך, מיט גאָפּלען באַניצט,
און דעם צווייטנס אוראייניקלעך האַלטן נאָך איצט,

אַז גאָפּלען איז נישט יידיש, ס'איז חקת גוי,
און סיי דאָס, און סיי אַלץ, וואָס מען טוט לשם נוי,
איז עולם הזה, אַ בלענדנדיקער חלום.
און גראָד ווי די זיידעס האָבן נישט געלעבט בשלום,
און יעדער האָט געהאַלטן, אַז נאָר ער טוט דאָס גוטע,
אַזוי איז אויך יעדנס באַזונדערע שיטה,
וואָס מיט איר האָט ער גאָט געדינט אויף זיין אייגענעם וועג,
צו מיין טאַטן און מיין מאַמען בירושה אַוועק.
און יעדער האָט געטריי און ערלעך זי געדינט.
און ס'פלעגט זיין מחלוקת אויפן דאַזיקן געביט.

די מאַמע, כדי אויסצומיידן אַפּטע קריגעריי,
פלעגט זיך היטן ווי ווייט מעגלעך — עלעהיי
ס'א גזירה אַזאַ פון מלכות אַרוים —
איז שטענדיק ריין געווען און ציכטיק אין אונדזער הויז.
און אויך איצט איז די קיך אַזוי ליכטיק, צעהעלט
און אַרומגערוימט. די מאַמע האָט וואַסער צוגעשטעלט,
דעם טאָפּ אַריינגערוקט אין דער פייערקע אַריין,
דאָס געפעס אָפּצוואַשן, ווי עס דאַרף צו זיין.
ווייל דער טאַטע איז אין ריינקייט דערגאַנגען אַזוי ווייט,
אַז ער פלעגט באַקוקן דעם טעלער פון דער צווייטער זייט,
און טאָמער האָט ער אַ שפּרענקעלע דאָרטן דערזען,
האָט ער אָפּגערוקט דאָס עסן און נישט טועם געווען,
האָבן מענטשן פרעמדע געמעגט זיצן דערביי —
וואַשט זי איצט די טעפּ אָפּ און די טעלער ווי נײַ,
אַזש זיי בליאַנקען און נעמט זיך קאַרטאָפליעס שיילן.

און דעוואָשע, אונדזער שכנטע, האַלט אין דערציילן
פאַרשידענע בבא־מעשיות, אַזוי ווי איר שטייגער:
פון כאַיעטן, די אַלמנה נאָכן נגיד בער אייגער.
שוין איבער די זיבעציק און ווי גוט זי האַלט זיך, יונג.
און וואָס איז דער חידוש? אַז דאָס לעבן איז לייכט און גרינג.
ווייל צו אַלע ווייבער איז דען אַזאַ ביטערע קלאָג,
ווי צו איר? אָט זאָרגט זי שוין אויפן מאָרגנדיקן טאָג,
אָבער כאַיעטע זאָרגט נישט. ס'ליגט שטענדיק גרייט.
און שפּרינצעלע האָט זיך געמאַכט אַ פונק־ניי קלייד,
און ווידער שוין די דירות באַנייט און דערפרישט
און פון חנה גענענדלען רעדט מען דאָך נישט. —
די גאַנצע שטאָט איז תמיד אויף דעוואָשעס קאָפּ.

מיין מאַמע שווייגט. פון צייט צו צייט גיט אַ פאַל אין טאָפּ
אַן אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל מיט רעש און געברויז,
דאָס שטילע וואַסער גיט אַ שפּרונג פון דער הויט אַרויס
און באַרואיקט זיך באַלד. דעוואָשע טרינקט אָפּ טיי
און נעמט דאָס טיכל. — אַ גוטע וואָך — זאָגט זי — כ'גיי.
און די מאַמע זאָגט נישט: בלייבטס. ס'טוט איר דער קאָפּ שוין ווייי
פון די אַלע מעשיות. און צו וואָס דאַרף זי דאָס וויסן?!
אַנשטאָט צו באַרעדן און פון פרעמדע צו שמועסן,
איז דען נישט גלייכער צו טראַכטן וועגן זיך אַליין?

שטענדיק מוצאי־שבת, ווען פנחס קומט צו גיין,
דער אַלטער איינגייער אין איר עלטערן־הויז,
שווימען זכרונות פון פאַרגעסנהייט אַרויס

און זאַכן, געשען מיט פערציק יאָר צוריק,
שוועבן־אויף אַזוי קלאָר פאַר מיין מאַמעס בליק,
זוי ערשט נעכטן געשען, נאָר געלייטערטערהייט
און יענע זאָרגן אַפילו דערמאָנט מען מיט פרייד.

פאַר דער חתונה אירער געדענקט זי, ווי היינט,
איז איר טאַטע, זכרונו לברכה, און זיין פריינט,
פנחס אהרן מלכס, און פעטערס אַ סך,
געשטאַנען אַרום איר און געבעטן אַ זאַך,
וואָס קלינגט אַזוי פרעמד דעם היינטיקן באַגריף:
מיין מאַמע, דאַרפט איר וויסן, פלעגט שרייבן בריוו,
קאַפּהענער אַוועקצושטעלן, וועגן „זאַננע" און „מאָנד" —
טאָ ווי אַזוי האָט זי, נעבעך, באַשטיין געקאָנט
אויפן קאָפּ דעם געגאָלטן אַ קופּקע צו טראָגן?...
די „פּרווינדינעס" אירע וואָס וואָלטן זאָגן?
האָט זי אַנדערש נישט געוואָלט נאָר אָנטוען אַ שייטל.
האָט איר טאַטע, זכרונו לברכה, דעם בייטל
דעם ברייטן געעפנט, געקלונגען מיט געלט:
זאָל זי אויסביטן אַליין, וויפל איר געפעלט,
זאָל זי צונעמען אַלץ, וואָס אונטער זיין האַנט,
נאָר זאָל זי אים נישט אָנטוען די גרויסע שאַנד
אין טאָג פון איר חופה. — אוודאי אירע טעכטער,
ווען זי האָט דאָס דערציילט, פלעגן קייכן פאַר געלעכטער.
אָבער דעמאָלט איז אַנדערש געווען ווי אַצינד:
דעם טאַטנס צער האָט מיטגעפילט דאָס קינד.
האָט די מאַמע געטראָגן אַזאַ עול אַ שווערן,

און דאָס ווייסע חופּה־קלייד באַנעצט מיט טרערן.
אַז ס'איז איר שלעכט פון דער זייט און ביטער פון דער זייט!
סיי צו טראָגן אַ קופּקע און סיי צו זיין פאַרשייט
און אָנטוען אַ שייטל... ס'וואָלט קיין סוף נישט גענומען,
ווען ס'וואָלט נישט מיין מאַמען צוהילף געקומען
איר מוטער. אַן אייניקל פון וואָרקער, דעם אַלטן,
ביי רביים דערצויגן, האָט זי פריי זיך געהאַלטן
מיט די חסידים די גרעסטע. צו אַלטע יידן
אויף דו גערעדט. און זיי, אדרבא, צופרידן
אַ שמועסל צו כאַפּן מיט אַן אייניקל פון אַ זיידן,
וואָס האָט לעבעדיקערהייט שפּאַצירט אין גן־עדן
אַריין און אַרויס, ווי אין אַן אייגן לאַנד —
איז זי צו צו רב פּנחסן, גענומען זיין האַנט
אין אירער אַריין און גערעדט צו אים ווינציק:
דו ווייסט דאָך, פּנחס, אַז דיך האָב איך גינציק,
רעד־זשע מיטן מאַן מיינעם, אַט שוין טאָקע אַצינד,
און פרעג אים, מיין דודלען, וואָס וויל ער פון קינד?!
(גיב אים, גיב אים, — האָט זי צוגעגעבן —
פּנחס־שי קרוין, לאַנג זאָלסטו לעבן...)
און פאַרגעס נישט צו קומען באַלד תשובה מיר זאָגן —
איז ער געקומען, געזאָגט: וואָס זי וויל, זאָל זי טראָגן!
שוין פיר צענטליק יאָרן פאַרשווונדן זייט דאַן
און ווי קורץ איז דער וועג! אַן איינציקער שפּאַן
זעט עס אוים דער מאַמען. ווי שנעל דאָס פאַרגייט!
זי געדענקט אַזוי אַלץ: יענע שרעקעוודיקע פרייד
מיט טרויער געמישט; אַט איז לייכט, אַט איז שווער,

דער ציטער אין הארץ און אין אויג די טרער,
און די שעמעוודיקייט! ארום דאָ אין הויז
איז דאָס שטילע לעבן פון די ברעגעס ארויס,
אַ מאַרק, אַ יריד אַ גאַנצער: קאַרפּן, שלייען, העכט;
הינער, אינדיטשקעס, גענדז. און גאַנצע נעכט
דער באַק-אויוון פלאַקערט און דער רויטער פלאַם
באַגיסט די קאַלך-ווענט ווי אַ פייערדיקער ים.
איר מוטער און גאָלדע, די בריה פון שטאָט,
שטייען אַרום אויוון און מ׳באַקט און מ׳בראָט.
און איר שוועסטערן-יינגל טאַנצט פון אַלקער אריין,
קוקט אין די קנאַקנדיקע צונגען זיך איין,
און פאַרלאַנגט פון זיין באָבען, זי זאָל אים זאָגן אָט וואָס:
צי דאָס פייער פון גיהנום איז גרעסער ווי דאָס,
וואָס פלאַמט אין אויוון. ס׳אי גוט!—לאַכט די באָבע—אַ פאַרגלייך!
זעט שוין דאָס קינד יענעם פלאַקערדיקן טייך,
וווּ מ׳טובלט די רשעים, די סמאָלע-פעסער
און די אויגן ביי אים ווערן גרעסער און גרעסער.
נאָר די לופט, אַזוי שמעקעוודיק, וואַרעם און ווייך,
מאַכט היימיש די שרעק... און דער צימרינג-ריח,
די זאַפּערן, מאַנדלען און די ראָזשינקעס זיסע,
דערמאָנען אים, מוז זיין, די ישמעאלים-חברותא.
ווייל ער נעמט זיך דערציילן און אַלע מוזן הערן,
און דעם אָנשטעל נאָך מאַכן, אַז זיי הערן גערן:
פון ישמעאלים, וואָס זענען אויף קעמלען געקומען
מיט געווירץ איבערגעלאָדן און מיטגענומען
יוסף הצדיק, פאַרקויפט אים פאַר אַ קנעכט;

און ווי גאָט, דער אַלמעכטיקער, האָט אים אויפגערעכט,
פאַר שני למלך געמאַכט איבערן לאַנד,
ווי עס ווערט, זאָגט ער, אין דער סדרה „וישב" דערמאַנט
און ס'איז אויכעט פון „ספר הישר" אים באַקאַנט:
ווי יוסף האָט דעם גאָלדענעם רייטוואָגן געשפּאַנט,
דעם אַלטן טאַטן, יעקב אַקעגנצוגייטן;
און ווען דער זקן האָט פּלוצים דערבליקט אים פונווייטן,
און יהודהן געפרעגט: ווער איז ער דאָס, יענער,
וואָס רייט מיר אַקעגן און פון אַלע איז ער שענער?
האָט יהודה געזאָגט: דאָס איז יוסף, טאַטע.
זענען יעקבן נאָס געוואָרן די אויגן, די מאַטע,
קוים, זיך וואַקלענדיק, איז ער פון וואָגן אַראָפּ,
צו יוספן צו און דעם גרייז-גראָען קאָפּ
אין זונס פּנים געגראָבן, אין זיין וואַרעמען האַלדז
און הויך געשלאָכצט און אויסגעוויינט אַלץ.

און ווייטער דערמאַנט זיך פּלוצים דער קליינער
אָן סרחן, אָשרס טאָכטער, דער שיינער.
אויפן פידעלע שפּילט זי: טראַ-לאַ-לאַ!
זאָרג נישט, זיידע יעקב, עוד יוסף חי!
עך, איז זי שיין געווען! ווען זען זי ער קען! —
דאָס לעצטע זאָגט ער נישט אויס, נאָר ער לויפט-צו מיט ברען,
כאַפּט גאָלדען ביים פאַרטעך אָן. — גאָלדע — שרייט ער — ווען?!
די יידענע האָט שיער נישט אַ בעקן איבערגעדרייט,
און דער קליינער ציט זי ביים פאַרטעך און שרייט:
ווען?! — גאָלדע, אַ צעפּלאָמטע, וויל אים פּטרן גיך.

— וואָס, „ווען"?! — שרייט זי. — וועט קומען משיח
— קאָכט זיך דאָס קינד — און די טויטע וועלן אויפשטיין?
דערהערט, אַז מאָרגן, וויל ער שוין אַוועקגיין,
נאָר עס פעלט אים איין אַ שפּאָגל-נייע שאלה:
און וואָס וועט זיין מיט דער מומען, דער כלה?
וי וועט נישט חתונה האָבן? — פרעגט ער צעמישט.
טפו! — שפּייט-אָפּ גאָלדע. — שונאי-ציון! פאַרוואָס דען נישט?!
און זי האָט צוליב משיחן איצט גאָר גרויסע זאָרגן...
— א טעות געהאַט — שרייט זי — ער קומט ערשט איבערמאָרגן!
ערשט איצט לאָזט ער זי אַ קוק טאָן צום פלאָדן,
און ער האָפּסלט אַוועק מיט שמחה איבערגעלאָדן.
אַז ס'איז די וועלט אַזאַ שיינע, רייכע און פולע,
מאָרגן אַ חתונה, איבערמאָרגן — די גאולה!

אויך די מאַמע האָט געהאַפּט דאָן אויף אַזוי פיל גוטס —
נאָר גאָרנישט, זי רעדט דען? — די מלוה-מלכה-גריץ
איז שוין צוגעשטעלט, גאָט צו דאַנקען, קאָכט זיך אין טאָפּ
און די יוגנט-חלומות, וואָס קומען איר אין קאָפּ,
שטערן נישט דער מאַמען אין טוען, חס-ושלום.
און צווישן איין חלום און דעם צווייטן חלום,
וואָס פאַרשיכורט זי איצט נאָך, ווי אַלטער וויין,
טוט זי דאָס פאַרבראָקעכץ אין טאָפּ אַריין.
נאָר ביז וואָס, ווען — זעצט זי זיך אויפן בענקל אַנידער
און זכרונות פון דער יוגנט שווימען-אויף ווידער
און גיבן זי מיט אַ מאָל אַזאַ ווייטן פאַרטראַג. —

ווען איר חתונה איז געווען? אין מזלדיקסטן טאָג.
אין טאָג, וואָס עס שטייט ביי אים צוויי מאָל כי טוב.
און ווייל די נאַכט ווערט פאַררעכנט אויפן טאָג ארויף
(ווי דאָס יידישע לעבן, דאָס יאָמערדיקע טאָל,
אויפן גרויסן באַגין, וואָס וועט קומען אַ מאָל,
וועט גאָט וועט דערשיינען אין זיין גאַנצער פראַכט),
קומט אוים האָט זי חתונה געהאַט מאָנטיק ביינאַכט.
און כדי אין מאָנטיק נישט אַרויסצופאָרן
(מ׳האָט מדקדק געווען אויף דעם אין יענע יאָרן),
איז דער חתן נאָך זונטיק אָנגעקומען.
וועגענער האָבן די גאַנצע גאָס פאַרנומען,
און יידן, יידענעס פון דער גאַנצער שטאָט
האָבן איבערגעלאָזט היימען אויף גאָטס באַראָט,
זקנים, ווי קינדער פלינק געוואָרן אין געלויף,
אַראָפּ צו דער גאָס, וואָס מ׳רופט זי „דער הויף״ —
ווייל דער אַלטער אָרדענגאַ, דער פריץ אַליין
(אַ זקן און... אַ בחור, ס׳האָט שוין איינמאָל אַ חן...),
האָט אויפן וועג דאָ זיין פּאַלאַץ שטיין —
און מ׳קוקט, און מ׳קוקט, און מ׳ווערט גאַרנישט מיד.

און די ליבטיקע זון איר כישוף־חן פאַרציט
אויף די זעלטענע געסט, וואָס קומען פון דער ווייט,
און ס׳דאַכט זיך: אפילו דאָס סאַמעט און זייד
פון די פרעמדע מחותנים איז אַנדערש ווי פון הי..
אַזש אַ יידענע די צווייטע ביים אַרבל ׀גיט אַ צי:
דו קוקסט, צי קוקסט נישט?! נאָר אַ שאָד גאָר די רייד!

זי קוקט נישט, נאָר זי שלינגט פאַרגאַפטערהייט —
דאָס מויל האַלב־אָפן, דאָס שייטל פאַרדרייט —
מיט אויגן צעברענטע — דעם פאַרביקן אַרום,
און שטייט ווי אָפּגענומען, צעפּלאָמט און שטום,
און רעדט נישט, כאָטש גיב איר אַ רענדל פאַר אַ וואָרט,
פאַרכליניעט פון דעם אַלעם, וואָס זי זעט איצט דאָרט.
און אויך ווען איר שכנטע, בעת דער חתן איז אַדורך,
האָט אַ קניפּ איר געטוען — איז זי, אָן אַ שאָרך,
ווייטער אַזוי געשטאַנען, פאַרבליפט, צעשפּילט
און דעם ווייטיק פון קניפּ לגמרי נישט געפילט.
און די מאַמע האָט דעם ברעג פון דער פוירהאַנג פאַררוקט,
מיטן טויל די באַק זיך געקילט און געקוקט,
העל־ראָז, צעשמייכלט ווי אַ קאַרשן־צעבלי.

דער חתן איז איינגעשטאַנען פונקט ווי־זאַ־ווי,
אין רב ישראל זיסמאַנס בריוּוחדיקן הויז.
ער אַליין האָט אין דערפל פאַרברענגט, אין זיין ברויז,
און זומער־לעב איז די גאַנצע פאַמיליע אַרויס,
כמעט די גאַנצע, און די, וואָס זענען געבליבן,
האָבן זיך אין אַן איינציקער שטוב פאַרקליבן
און אָפּגעגעבן די רעשט פאַרן חתנס וועגן.
ווייל ביידע הייזער, וואָס זענען אין שכנות געלעגן,
זיסמאַנס און דעם זיידנס, מיין מאַמעס טאַטן —
כאָטש זיסמאַן האָט פאַרצויגן זיין הויז מיט קראַטן
און מיין זיידע האָט אָפן זיין הויז געלאָזט שטיין,
אַזוי היימיש ליב, ווי ר׳איז געוועזן אַליין —

האָבן די הייזער פאַרמאַגט דאָך ענלעכקייט אַ סך:
אין די הילצערנע ווענט, אין דעם שינדל־דאַך,
און גלייכע אין דער ברייט, און גלייכע אין דער הויך.
אַזוי, אַז באַגינען האָט דער בלויער רויך
פון ביידע קוימענס אין אַ רגע זיך דערקענט:
— גוט מאָרגן! — אַ גיב זיך געטוען די לופטיקע הענט
און אין ראָזן הימל צוזאַמען זיך געגאָסן —
הקיצור — צו די זיסמאַנס איז פאַרפאָרן דער חתן.

זונטיק נאָך שבת נחמו. פרימאָרגן אויף דער וועלט.
זי צייטיקט, וואַקסט, שמייכלט. און פריידיק קוועלט
פון דיביימער אַראָפּ איר גרויסע פרייד
אַזוי זוניק־צעהעלט, אַזוי שטיליטשקערהייט,
אַז אַ סוד, דאַכט זיך, הענגט אין דעם ראָזן וועטער
עס רויטלט דער עפּל צווישן גרינע בלעטער
און כאַפּט ווען אַ קוק און צעווינקט זיך מיט פרייד
צו דער איידעלער באַרינע אין אַטלעס־קלייד
פון געלער קאָליר. די באַרינע — שיין און שלאַנק,
נאָר צופיל פאַרחלומט און ליבע־קראַנק.
פאַר די אויגן זעט זי נאָך יענעם קורצן טרוים.
ווי די קליינע פלוים, וואָס וויגט זיך אויפן בוים,
איז ער בלוי געווען, צאַרט, מיט אַ הויך אינדערהייך.
און איצט איז ער ווייט שוין. נאָר יענעם קעניגרייך
פאַרגעסט מען נישט, ניין. און זי בענקט און וויטיקט,
נאָר בענקנדיקערהייט וואַקסט זי און צייטיקט.

אונ די מאַמע קוקט דורכן פענצטער אַרויס
מיט אַ טרער אין אויג צום קעגנאיבערדיקן הויז,
ווו ער אַליין, ער אַליין וועט באַלד דאָ פאַרפאָרן.
אונ כאָטש זי קען שוין דאָס הויז זינט יאָרן און יאָרן,
זעט זי עס איצט דאָך מיט אַנדערע אויגן.
מיט אַ ווייכן, ראָזן נעפל איבערגעצויגן
פלאַטערן די ווענט פאַרחלומטערהייט,
וואָס ווייט איז, ווערט נאָענט און וואָס נאָענט דאָ שטייט
אַזוי ליב און היימיש זינט יאָרן לאַנג,
דערווייטערט זיך איצט. און אי ס'איז ליב, אי ס'טוט באַנג
אויף אַלעם, אויף אַלעם, וואָס דאַרף איצט געשען.
נאָר אָט האָט זי פלוצים דורכן פענצטער דערזען
דעם איילקן געלויף אין איר גאַס אַריין
און אַ ציטער געטוען: אָט באַלד וועט עס זיין!
זי וועט אים דערזען! — דער פוירהאַנג־ראַנד
צאַפּלט און ציטערט אין איר ווייסער האַנט,
יוי עס צאַפּלט די פליענדיקע שוואַלב אין פאַרנאַכט.
און אפרימל קלעזמער, די אייגעלעך פאַרמאַכט,
האָט אָנגעלענט זיין קעפּל אין דעם פידל זיינעם
אויפן לינקן אָרעם. מיט קאַפּעליע אינאיינעם
אַ ריר זיך געגעבן און אַ מאַרש אַ שיינעם
אַ גאַס געטוען פלוצים ווי אַ תמוז־רעגן
און געשוועבט ווי אַ וואָלקנדל דעם חתן אַקעגן.

ערשט דאָ האָט אַ פּראַל געטוען טיר און טויער.
ווייל מ'ווייסט, ווען אפרימל לייגט צו זיין אויער,

דאָס לינקע, צום פידעלע, איז דאָ וואָס צו הערן.
אויגן פאַרלאָשענע ווערן פול מיט טרערן.
ס׳טויכן אויף זכרונות פון דער ווייטסטער ווייט.
ווייבער דערמאָנען זיך זייער כלה־צייט
און וואָכן דערנאָך איז זיי טרויעריקלעך־באַנג,
די קינדער פאַרוויגנדיק, זיפצן זיי לאַנג,
אַזש די קליינע פאַררייסן די אייגעלעך אַרויף,
קוקן ערנסטע, פאַרטראַכטע, ביז סוף־כל־סוף
ווערן זיי אַנדרימלט אַזוי שטיל ווי שאָף,
און לאַכן, און וויינען, און צאַפּלען אין שלאָף.

נאָר איצטער, דערהערנדיק אפרימלס טענער,
לויפן לויטן קול נאָך סיי ווייבער, סיי מענער,
קינדערלעך ביי דער פאָלע, קינדערלעך ביי דער האַנט —

די זון האָט פאַרוואָרפן אַ גאָלדן געוואַנד
אויף דער לאַנגער שורה פון פורן און וועגן,
און פאָרט, דאַכט זיך, אויך די מחותנים אַקעגן,
יומטובדיק, לעבעדיק, מיטן גאַנצן ברען,
און פאַרברויעט אַ וועלט, ווי זי איינע נאָר קען.
באַגילדט זיי די פּנימער, באַגילדט זיי די בערד,
טאַנצט אויף די ברוינע רוקנס פון די פערד,
שמייסט זיי מיט ליכטיקע בייטשן ביים רייטן,
וואַרפט אָפּ די טונקעלע שאָטנס אויף די זייטן
מיט אירע לאַנגע, ראָזע און וואַרעמע הענט
און שטראַלט אַזש פאַר נחת און פינקלט און בלענדט.
ס׳איז פאַרפאָרן מיט רעש דער ערשטער וואָגן,

אויף פּאַליעס פון געזאַנג און ליכט געטראָגן. —
ס'איז ווייניק געווען דאָ פון די פרעמדע געסט,
בלויז היימישע בחורימלעך, קאַנדידאַטן אויף קעסט,
פון שטיבל, ווו ס'דאַוונט מיין זיידע שוין יאָרן,
נו, זענען זיי איצטער אַקעגנגעפאָרן
דעם חתן זיינעם ביז העט אויפן שאָסיי.
די לופט, ווייזט אויס, און די זון האָט געווירקט אויף זיי,
געגלעט זיי, געוואַרעמט און אַזוינס געמאַכט,
אַז זי האָט אַ ראַזיקייט אַרויפגעבראַכט
אויף די פּנימער זייערע, פאַרבלייכטע פון לאַנג,
די מיילער זיי געעפנט צום פריילעכן געזאַנג,
און נישט אויף קאַטאָוועס... דאָ אַ מאַרש, דאָ אַ ניגון —
נאָר דער חתן אַליין צווישן זיי האָט געשוויגן.

אים קעגנאיבער, אין קאַפּאָטעס געהאַקטע, נייע
זיצן: יאָסקע, מיין מאַמעס ברודער און ישעיה
— דער שוואָגער, דער מאַן פון איר שוועסטער,
פון גאַנצן שטעטל דער למדן דער גרעסטער.
ר'האָט שוין לאַנג היתר־הוראה. ער וואַרט בלויז אויף גענאַד
פון זיין ליבן נאָמען — ער זאָל אים צושיקן אַ שטאָט.
אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט אויפגעריסענע אויגן,
די הענט לאַנגע, דער רוקן עטוואָס איינגעבויגן,
די קאַפּאָטע פאַרקנעפּלט, דאָס מויל געשלאָסן,
זיצט ער אויפן וואָגן קעגנאיבער דעם חתן,
ווי איבער אַ שאלה אויף אַ האָן, פאַרטיפט אַזוי:
ער שטייט געשריבן: „לא תלכו בחקות גוי“

און דער חתן — אפנים ער ווייסט גאָרנישט דאָס!
טראָגט אַ פּאָר הענגנדיקע שויבן אויף דער נאָז,
ווי, להבדיל, דער דאָקטאָר. אַ קעלנערל, אַ שלייף —
היינט-זשע איז ער כשר, דער חתן, אָדער איז ער טריף?
און ער לאָזט זיך אַוועק אויפן ברייטן שליאַך
פון דער ווייטער הלכה, צו פאַרשן די זאַך.

ער איז בקיא אַ וועלט. דאָך קומט ער נישט אפילו
צום קנעכל פון יאָסקען, זיין שוואָגער, וואָס שמט פאַר אַן עילוי.
וואָס איינמאָל אַ בליק געטוען, געדענקט ער שוין יאָרן,
אַ חריף אַ גרויסער, נאָר אַזוי צעפאָרן,
אַז וויפל פּאָר שעלקעס מ׳זאָל אים נישט קויפן,
געפינט מען זיי שפּעטער איבער אַלע הויפן,
און די הויזן הייבט ער, ווי ר׳האָט געהויבן פריער,
היינט בייטעלעך, גאָרטלען פאַרלירט ער — אָן אַ שיעור!
די שפּיצן פון די לאַצן — אַלע צעביסן,
די קנעפּלעך פון מלבושים — אָפּגעריסן,
אַוועקגעלייגט עפּעס, ווייסט ער נישט ווו און ווען,
לויפט ער פון ווינקל צו ווינקל, ווילד, מיט ברען,
נישטערט, זוכט, דרייט איבער, קראַצט זיך אין די האָר,
און ברומט מיט געבייזער: צו אַלדע „שוואַץ" יאָר;
אַ קליינס, אַ שוואַרצס, די אייגעלעך גלאַנצן,
איצט זיצט ער קעגן חתן, צעקנעפּלט אין גאַנצן,
דוקט זיך אויפן געזעס אַראָפּ און אַרויף,
ווי מיט שפּילקעס געשטאָכן, ביז סוף-כל-סוף
כאַפּט ער זיך צו די טאַשן, פּאַפּיראָסן צו געפינען,

אַבער ווי! איינער נישטאָ! אויסגערונען!
דרייט ער איבער די קעשענעס, צעקאָכט, צעטראָגן,
נאָר אנשטאָט פּאַפּיראָסן, פאַלן אויפן וואָגן
מונשטיקעס, מטבעות און אַ ים מיט פּאַפּיר...
— אַ „שוואַץ" יאָר! — בייזערט ער זיך — געהאַט אַט דאָ פריער!
און דער חתן אַ גלאַטער, אַן אויסגעפּוצטער אַזאַ,
דערלאַנגט אים דעם זילבערנעם פּאַרטסיגאַר — נאַ!
און קוקט אויף אים שאַרף: מיט וואָס עסט מען דאָס, האַ?

און ווען דער וואָגן איז פאַרפאָרן פאַר די זיסמאַנס הויז,
איז מיין זיידע, דער גוטער, פון שטוב אַרויס,
מיין מאַמעס טאַטע. אַ יידעלע פּיצלדיק קליין,
אַז אונטערן טיש שפּאַצירן קאָן עס גיין,
נאָר אַ פּנים אַזאַ ליכטיקס. — אייביקע פרייד
איז איינגעקריצט דאָרט און ווו ער גייט און שטייט
פאַרלאָזט זי אים נישט. און כאָטש ר'האָט קינדער זיבן
ביים לעבן באַגראָבן, נאָר פיר זענען געבליבן,
און חוץ צער גידול בנים, האָט ער נאָך צער געהאַט,
אַ קאַסירער אין וועלדער, אייביק נע־ונד,
און אין וועלדער, וואָס האָבן אַמאָל געהערט
צו זיין פּאָטער דעם עושר. נאָר איבערגעקערט
האָט דאָס רעדעלע גאָט אין אַ קורצער צייט,
דאָס פאַרמעגן צוגענומען און פאַר אָרעמע לייט
די זייניקע געמאַכט, זייער עלטער פאַרשעמט,
און ער מיט די ברידער זענען „מענטשן" אין דער פרעמד —
און חוץ אַלעם, גייט עס סתם נישט אין לעבן אַי־אַי־אַי,

חולאתן, ראמאטים, די פים טוען ווי
און ס׳איז סיבות דאָ געניג מתרעם צו זיין —
און דאָך ברויזט די פרייד אין אים, ווי אַלטער וויין.
אָפט פאַרגלייזט ער די אויגן, הייבט אויף די ברעמען,
און אין שטילער פאַרטוענקייט לויבט ער ווענען,
פאַר דער וועלט דער הייליקער, וואָס איז גרויס און שיין
און וואָס אים, אַזאַ יידעלע, צעבראָכן און קליין,
איז שמחה באַשערט, ארומצוגיין פאַרגאַפט
און אין שטוב צו דערקענען גאָטס גרויסע קראַפט.

אפרימל, דעם זיידן דערזען, צי דערפילט,
און זיין האַרטנעקיק קעפּל אויסגעדרייט, געשפּילט
לעבעדיקער, הייסער, פאַר זיין כבוד וועגן.
נאָר ווען דער זיידע איז פאַרביי און אַוועק אַקעגן
דעם חתן, וואָס איז נאָך פון דער פור נישט אַראָפּ,
האָט אפרימל צוריקגעדרייט דעם קערפּער מיטן קאָפּ
אין דער זייט פון חתן, וואָס איז אויסגעשטיגן;
פון די פידלען באַגלייט און פון חסידישן ניגון
פון די שטיבל-בחורים; געפירט ביי דער האַנט
פון זיין ערב-שווער. און ווען ביידע באַנאַנד
זענען דער עולם פאַרביי, — דער חתן ערנסט, אין בריל
און דער זיידע נחתדיק-צעשטראַלט, מיט שמחה פול,
קליינטשיק אַזוי און געהאָרכיק מילד און לינד —
האָט דער עולם געשמייכלט: דער חתן פירט אַ קינד...

און באַלד איז אָנגעקומען אַ גוזמא מחותנים.

דעם חתנס טאַטע: גרוי שוין, דאָך רויט אויפֿן פּנים
אַזאַ ווייסע פרישקייט, אַזאַ שלוהדיקע פרייד,
און ס׳פּעכלט אַראָפּ פֿון אים אַליין, וואָס ער גייט.
אַ הויכער, אַ גלייכער הדרת-פּנימדיקער ייד,
מיושבדיק, געמאָסטן איז יעדערער טריט,
די ווייסע זאָקן זיינע בליאַנקען ווי שניי,
און ווען ער גייט דעם גלאַנצנדיקן עולם פאַרביי,
רוקט מען זיך פֿונאַנדער צוליב זיין כבוד וועגן,
און מאַנכער ייד שטרעקט אַ האַנט אים אַקעגן,
גיט אים שלום אָפּ, ווי אַ רבי וואָלט אַדורך,
און שטיל ווערט און שאַ, אַז מען הערט נישט קיין שאָרך.

עטלעכע פּערציק געסט זענען געקומען.
אַ פור נאָך אַ פור. ס׳האָט אַ צייט גענומען,
ביז די גאַס האָט צוריקגעקריגן איר וואָכעדיק געשטאַלט.
טוך-זייד-און סאַמעט-היטלען אַ גאַנצער וואַלד,
אַ שטריימל דאָ און דאָרט און אַזוי פיל הויבן,
האָר-שייטן, היטן מיט פלעדערווישן פֿון אויבן,
טשעפּיקעס, ציטער-שפּילקעס, ברוינע און גרינע פעדערן,
און דער גאַנג, דער שיק און די ריינקייט פֿון יעדערן,
איז דעם עולם אי ליב געווען, אי קראַטיש אַ סך:
חסידים און „ריסטאָקראַטן” — פּאַרט זיך אַזאַ זאַך?!

צווישן עולם שוועבט דאָס נידריקע געשטאַלט
פֿון חתנס מאַמע. דאָס פּנים געל און אַלט,
צעאַקערט, צעקנייטשט, נאָר די אויגן, שאַרף און גרין,

וואַרפֿט זי ווי לאַמטערנעס אַהער און אַהין:
צו די ליידיקע וועגענער, וואָס פֿאָרן אַוועק,
צום עולם אַרום, צו די טרעגערס מיט די פּעק,
וואָס פֿאַרשווינדן געבויגענע אין זיסמאַנס הויז,
און קומען באַלד ווידער אויסגעגלייכטע אַרויס,
ווישנדיק מיט די פֿאַרמעליקטע אַרבל דעם שוויים
פֿון די רויטע פּנימער. ס'איז ברענענדיק היים,
מען פֿאַלט פֿון די פֿיס, דאָך זי איז נישט מיד.
פֿלאַטערט, די בענדער פֿון שטערנטיכל פֿלאַטערן מיט,
די אוירינג — ביז די אַקסלען לאַנג. ס'דאַכט זיך: נאָך אַ האָר,
ליגן זיי זיך אויס, ווי בריליאַנטענע שליפֿעס אַ פּאָר,
און די וועלט, די מענטשן מיט אַלץ באַנאַנד,
וועלן אָנגעפּירט ווערן דורך איר שטרענגער האַנט.
דער לאַנגער שלעפּער פֿון איר זיידן קלייד
האָט זיך אָפּגעהעקלט און וווהין זי גייט,
שלעפּט ער זיך נאָך, ווי פֿון אַ פּאַווע דער עק:
דערעכערעץ! דאָס גיי יעך! פֿון וועג אַוועק!

טשיפּעלע, איר שלאַנקע טאָכטער, גייט הינטער איר.
אויסגעצויגן גלייך, ווי אַן אונטער־אָפֿיציר
לעבן אַ גענעראַל. דאָס פּעכערל, ווי די האַנט
זענעןביידע ראָזע, ביידע דין און אויך דאָס געוואַנד
פֿון זומערדיקן קלייד איז ווי דורכזיכטיק קלאָר,
און יאַנטשע טרעגער שרייט הויך: ש'האָבן אַזאַ יאָר
אַ מיידל דאָס איז! און ווייל ער זאָגט נישט קיין ליגן
נאָך דעם הייליקסטן אמת, ווערט ער באַלד אַנטשוויגן...

דער אַלטערס גרינע אויגן שניידן אים פון ווייט,
און ער פרעסט־צו די ליפן, ווי אַ צדיק, ווען ער ליידט.

דעם טאַטנס מאַמע איז באַקאַנט אין בזשעזשין,
איר ווײַן־אָרט. דער רייכער חסיד פון רבין פון לובלין,
רב שלמה קאָנסקיוואָליער, איז איר טאַטע געווען.
און ווען ר׳האָט איינמאָל אין זגערזש מיין זיידן דערזען,
איז ער ווייל אים געפעלן, זיין טאָכטער אים געגעבן.

כ׳האָב געקענט מיין זיידן ביים סוף פון זיין לעבן.
ר׳האָט ליב געהאַט אָפט צו שפּאַצירן אויף די וועגן,
און ביי אַ לינדן, זילבערנעם זומער־רעגן,
אויסצושטעלן דאָס פּנים און דעם הויכן שטערן
צום הימל אַרויף, ס׳זאָל דורכגעפייכט ווערן.
— אַזאַ רעגן — האָט ער איינמאָל געזאָגט מיר — מיין קינד,
איז אַ ברכה פון הימל און אַ שטיק געזונט.
אויך דעמאָלט, ביים סוף שוין פון אַלע וועגן,
איז אַ ווייסע פרישקייט אויף זיין פּנים געלעגן,
ריין־זילבערנע שלוה און לויטערע פרייד.
אויך דעמאָלט איז ער שיין געווען — ערשט יונגערהייט!
חוץ דעם איז ער געווען אַ רבים אַ קינד
און אויך מיר, די אייניקלעך, וואָלטן נאָך אַצינד
רביים געווען, ווען נישט דער פּאַקער מיטן קעז,
מיט מאַי־בלימעלעך עטלעכע און אַ שטיקל בעז.

דער קעז פאַרן רבין, פאַרשטייט זיך, ווי אַלע מאָל,
און די בלימלעך טשיניע — ווייס איך דאָרט! זעענדיק אין טאָל.

ווי זיי שמייכלען גאָלדיק, האָט ער אַ כאַפּ געטוען זיי,
ווי מען כאַפּט ווען פון וואָגן אַ ביסל שמעקעוודיק היי,
פאַרגעסן זיי אַוועקצוואַרפן פאַרן רבינס טיר —
אַ באַשערטע זאַך, זעט מען דאָך, געווען פון פריער —
ווייל מיין עלטער-זיידן, אַ צוציק נאָך דעמאָלט, יונג, קליין,
האָבן אויסגעזען אָט די טשאַטשקעס וווּנדערבאַר שיין
און ר'האָט געציטערט, געפלאַטערט זיי שוין צו באַקומען.
האָט דער פּאַקער דאָס יינגעלע אויף די קני גענומען
און געזאָגט אויף געלעכטער: שווער מיר, מיין קרוין,
אַז וועסט ווערן מיין חתן און נאַ זיי דיר שוין.

האָט דער קליינער נישט אויפגעהערט צו שווערן און שווערן,
אַז ער וועט אָט דערפאַר זיין חתן ווערן.

דער פּאַקער — ערנסט שוין, האָט תקיעת כף גענומען
און אין יאָרן אַרום נאָך זיין חתן געקומען.

ווען מיין עלטער-עלטער-זיידע האָט דאָס דערהערט,
האָט ער אַ קנאַק געטוען מיטן פינגער: אָווא! באַשערט!
ס'איז פאַרלאָפן זיין אויג מיט אַ זידיקער טרער:
אַז קיין רבישער דור זאָל נישט וואַקסן מער
נאָך דיר, נאָך דיר! דאָס האָסטו פאַר די בלומען!

האָט מיין עלטער-זיידע פאַר אַ ווייב גענומען
דעם פּאַקערס טאָכטער און זי ליב געהאַט, נאָר —
קיין רבי האָט מער נישט געשפּראָצט פון זיין דור...
זיינע זין, טייל אייניקלעך זענען פרום כאָטש געווען,

נאָר וואָס ווייטער און ווייטער איז אַלץ ערגער געשען...

— ווי די „ברכה" האָט עס אָנגענומען! אין אַלע, אין אַלע!
זיפצט אָפט מיין מאַמע — דער זגערזשער אַפּשטאַם
צום טויט קאַליע!
און נישט איינמאָל באַזיפצט זי אונדז גאַנצע שעהן:
די קללה, נעבעך, די קללה, וואָס קאָן מען טוען!

מיין מאַמע, ביז היינט נאָך אַ לויטערע אין געמיט,
איז פרום דאָך געוואָרן. — כאָטש בלויז דאָס פּינטעלע ייד —
בעט זי מיך אָפטמאָלס — פאַרגעס נישט, קינד מיינס, היט,
ווייל אַט־אָ־דאָ פאַרגייט דאָך אַזוי גיך אַלץ, פאַרפליט,
איז וואָס־זשע האָסטו מורא פרום צו זיין? טאָמער פאַרט, טאָמער...

אָבער מיידלוויז האָט זי געלעזן דעם שרייבער שמ"ר,
פיינט געהאַט ווי דעם טויט מאַלאַגרידן, דעם יעזואיט,
וועלכער האָט טריב געמאַכט דאָס אײדעלע געמיט
פון דער שאָנהייט איזאַבעללאַ מיט די ראָזע וואַנגען,
און איר שאַץ יאָזעף דע סילפּיירראַ געפאַנגען.
אַך! און ווידער אַך! די מאַמע האָט שלאָפן נישט געקאָנט,
געקוקט אויף דעם בלייכן געזיכט פון דעם מאָנד,
אויף די שרעקעוודיקע שטערן, די קליינטשיקע, העלע,
און מיטגעפילט טיף די ליידנדע איזאַבעללע,
די מאַרקיזא דע גראַציאַ און אַלדאָס שיינע, וואָס ליידט
פון העסלעכן אַלפאָנסאָ און פון זיינע לייט,
וואָס שטעכיקער ווי דערנער און פינצטערער ווי נאַכט.

נאָר געלויבט איז שמ״ר, וואָס ר׳האָט צוגעטראַכט
גוטע סופ׳ען צו די שרעקלעכע ראָמאַנען,
צו ווייזן, אַז ס׳איז גערעכטיקייט אויף דער וועלט פאַראַנען;
אַ דאַנק אים, וואָס ר׳האָט איינגעשטילט מיין מאַמעס טרערן
און וואָס ר׳האָט ענדלעך געלאָזט זי אַנטשלאָפן ווערן...

מיין מאַמע איז טריי געבליבן שמ״רן ביז היינט.
ס׳פלעגט טרעפן, איך האָב איר אין אָוונט געלייענט
אונדזער שרייבער דעם גרויסן, וואָס פלעגט לאַכן דורך טרערן;
האָט זי מיטגעלאַכט מיט אים, אויסגעהערט גערן.
נאָר ווען כ׳האָב געענדיקט, האָט זי באַמערקט דערויף:
אַלץ גוט, אַלץ וווּיל, נאָר אַן אָנהייב און אַן אַ סוף...
אַמאָל זענען אַנדערע ביכלעך געוועזן,
ס׳האָט געכישופט אַזוי, געצויגן צום לעזן,
מ׳פלעגט צאַפלען דערביי און צווייפלען און האָפן,
און וויפל מאָל איז מען די נאַכט נישט דערשלאָפן,
כדי דעם סוף פון דער מעשה אַליין צו דערוועבן.
אייערע ביכלעך זענען אַקוראַט ווי דאָס לעבן.
אַזוי גרוי, וואָכעדיק, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד.
דו לייענסט דאָס בוך, לייענסט און פאַרמאַכסט טרויעריקערהייט.
און ווו איז דער סוף, דער נצחון, די פרייד?
קיין פרייד נישט, קיין גלויבן נישט, אוי, אַ צייט, אַ צייט!
אויף טרויעריקע וועגן גייט איר, יונגעלייט!
אַמאָל, אַמאָל — נאָר געגנוג שוין! צערעדט זיך ווי אַ נאַר!
האָסטו געזען! ס׳היינט אויך גוט! געלויבט צו גאָט דערפאַר!
און צוויי גליענדיקע טרערן ברענען אין די אויגן.

די יוגנט איז נישטאָ מער! ווי אַ רעגנבויגן
שוועבט זי איבער אונדז, אויסגעבאָדן אין טוי,
אַזוי ראָזע־ווייס און אומשולדיק אַזוי,
אַז נישט איינמאָל גייען אונדז די אויגן איבער;
מען קלאַמערט זיך אין איר און מען וויטיקט דאריבער,
וואָס אַט־נאָר־וואָס איז מען אויכעט געווען אַזוי שיין,
אַזוי גאַנץ, פריידיק, אייביק, ווי גאָט אַליין,
און פלוצים — דו ווייסט נישט ווי אַזוי ס'איז אַוועק.

טייער זענען דער מאַמען יענע יונגע טעג,
יענע צאַפּלדיקע פרייד און אפילו יענע שרעק,
וואָס זעט נאַריש היינט אויס, טאַקע נאָר צום לאַכן.
און פונדעסטוועגן — נאַ דיר די קליגסטע זאַכן,
זי גיט זיי דיר גערן, נאָר די יוגנט גיב איר צוריק.

ז'האָט איר חתן נישט געקענט. אַן איינציקן בליק
האָט זי געוואָרפן אויף אים, ווען דאָס זעעכץ איז געווען,
נאָר — גאָט איז איר עדות — ז'האָט אים רעכט נישט געזען;
אָרום און אָרום אַזוי פיל מחותנים,
דאָס גאַנצע בלוט האָט איר אַ שלאָג געטוען אין פּנים
און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט — אַט, אַט און זי פאַלט
און ווי אין נעפּל האָט זי געזען זיין שלאַנק געשטאַלט,
נאָר זיין אויסדרוק פון פּנים נישט געדענקט אויף קלאָר;
און פון זעעכץ ביז דער חתונה, די גאַנצע צוויי יאָר,
האָט איר מיידלשער חלום געוועבט אים פאַרשידן:
דאָ ווי אַן „ענגעל” אַ גוטן און דאָ ווי מאַלאַגרידן,

דעם ערגסטן טיראַן... נאָר דאָס שפּעטערע לעבן
איז אַנדערש אַזוי, ווי די חלומות וועבן
שלעכט ווי מאַלאַגרידן האָט זי אים נישט געפּונען,
נאָר אַזוי גוט און ווויל, ווי דער חלום האָט געשפּונען,
דאָס אויך נישט, ניין...

און איצט, מוצאי־שבת ביינאַכט,
זיצט זי לעבן קעכל, אויפן בענקל פאַרטראַכט,
דער בלויער חלום־בעכער לויפט איבער דעם ראַנד,
פאַרשיכורט זי און מיטן זילבערנעם לעפל אין האַנט
פאַרריכט זי דאָס פייער פון צייט צו צייט...
און דאָס שוואַרצע שאַראַייזנדל, וואָס ליגט אין דער זייט,
קוקט און וווּנדערט זיך: אַ סדר אַ נייער.
אויב מיט זילבער־לעפל שאַרט מען שוין פייער,
איז — ווער קאָן וויסן?! קאָן נאָך קומען דערצו אויך,
אַז מיט אים, דעם שאַראַייזנדל, וועט מען שוימען יויך,
צי גאָר טאָקע באַלד די מלוה־מלכה־גריץ.
באַהיט און באַשירם! מילא, צו טרוקענער היץ
איז מען שוין צוגעוווינט, שטיינסגעזאָגט, צו בראַנד און פלאַם.
איז אַלץ נאָך דאָס מעסטל נישט דערפילט, מן הסתם,
און מען דאַרף נאָך אין לעבן דערפילן דעם טעם
פון נאָסער היץ אויכעט! אָדער אפשר גאָר
ווערט דער חלום־ראַז פון שוואַרץ־אייזן איצטער־אַ וואָר?
דעם טאָג פון גערעכטיקייט האָט אַ רוף געטוען גאָט,
און אַ סוף צו אַ לעבן, וואָס ברענט און וואָס בראָט!
נאָר — געגנוג געחוקרט! קיין געזונט קומט נישט צו.
און עס וואַרט אָפּ דעם סוף מיט אייזערנער רו.

און אינדרינען איז דער טאַטע מיט די חסידים פאַרנומען.
אויך דער גביר, רב יצחק שארפהארץ, איז געקומען.
אַ ברייט־פּלייציקער, הויכער און גלייכער ייד,
אַ געלאַסענער זייער. גייענדיק ציילט ער די טריט,
און די אויגן אַראָפּהאַלטנדיק, טוט ער אַכטונג אויף זיי.
נאָ־אַר פּאַמעלעך. אַט אַזוי: איינס צוויי, איינס צוויי.
לערנט זיך אָפּ פון מיר, פּיס מיינע, — און טוט איך נישט וויי.

ער גייט וויניק צו חסידים, נאָר מיין טאַטע בלויז,
ער אַליין האָט די זכיה. און ווען עס קומט אויס
אַ סעודהלע זעלטן־ווען ביי אונדז אין הויז,
קומט ער. עסט וויניק, טרינקט וויניק, פון בראָנפן קיין ריר
— אויב עץ ווילט — זאָגט ער — גיטס מיר אַ ביסל שוואַרץ ביר
לחיים צו טרינקן.

און שטענדיק ביי אַט די רייד
פלעגט אויסוואַקסן פּיניעלע און שטילשקערהייט
דעם גבירס גלעזל בראָנפן צו זיך־צו פאַררוקט,
און צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט, געקוקט דאַרויף, געקוקט
אַ לאַנגע צייט; און אַזוי תמימותדיק, שטום,
אָן אַ דריגע צו טוען, אַז דער עולם אַרום
האָט געלאַכט אויפן קול. פּיניעלע טרינקט אָפּ פון ראַנד
עט־עטוואָס, באַלעקט זיך און דערלאַנגט די האַנט
זייער ערנסט, דעם קעגנאיבערדיקן גביר:
— אַ רפואה שלימה! — און בלייבט זיצן ווי פריער,
קוקנדיק אויפן גלעזל מיט ליבע אַ סך.

ווייל נישט אַזוי דער בראַנפּן, ווי די עצם זאַך,
דער וויץ טוט הנאה און פאַרשאַפט אים פרייד —
איז וואָס־זשע דאָס געיעג? כל זמן עס שטייט
דאָס גלעזל אויפן טיש, איז פיניעלע דער העלד.
דער עולם, ווי אַ קינד, קוקט אויף אים און קוועלט,
ווייל דער וויץ איז גראָד אויפן אָרט און איז עכט —
וואָס מאַכט ער טאַקע, דער נגיד, דעם פוץ צורעכט!

אויך איצט האָט ער באַוויליקט צו קומען, דער גביר,
מנחם, זיין יינגסטער זון, עפנט פאַר אים די טיר,
און שטעלט זיך ביי דער זייט, ביז דער טאַטע גייט־דורך די שוועל,
דאַן פאַרמאַכט מנחם די טיר און איילט זיך שנעל,
ציט דעם פאַלטן אים אַראָפּ און האַלט אים אין דער האַנט.
ווייל צווישן די מלבושים, וואָס הענגען אויף דער וואַנט,
פאַרצרה־טע, פאַרשטויבטע, דאָס אמתע קבצנות,
איז מנחמען, דעם גוטן זון, אַ גרויס רחמנות
אויפן טאַטנס פאַלטן, אים אויפצוהענגען דאָרט,
און ער וויל פאַר אים געפינען אַ בעסער אָרט;
גלאָצט ער מיט די אויגן צעטומלט, צעטראָגן —
אַ שטאַמלער, ווייכבייניקער, אויף די פיס געשלאָגן,
איז ער אַ צרהדיקער אויסנאָם אין הויז פון גביר.
ווייל די ברידערלעך זיינע, די עלטערע פיר,
זענען אַלע געזונטע און גבורים גראָד.
און נאָך חסדאָן מיט די בנים די שטאַרקסטע אין שטאָט.

אָט דעם ברודער האָבן זיי פיינט צוליב אַ סך טעמ׳ען:

ר׳האָט אומגליק אויפן הויז געברענגט מיט זיך צוזאַמען,
זיין געבורט האָט געקאָסט דאָס לעבן פון דער מאַמען;
דער פאָטער, נאָך אַ צייט, האָט אַ צווייטע גענומען,
נאָר די קינדער קיין מאַמען האָבן מער נישט באַקומען,
און זיי געדענקען אים „ דעם חטא פון געבוירן״ ביז היינט
און וואָס צוגעלייגטער ר׳איז, מער האָבן זיי אים פיינט.

ביים טישל דערוויל, מיטן שבתדיקן טישטעך פאַרשפּרייט,
האָט דער הדרת-פּנימדיקער נגיד צעזעצט זיך ברייט.
ס׳איז שטיל געוואָרן אַ ווילע בעת זיין קומען,
נאָר פּנחס האָט, ווי פריער, נישט אויפגעהערט ברומען.

פאַר אים ליגט דאָס ספר „דער ישמח ישראל״,
פון מיטעלן אַלעקסאַנדרער, זיין רבין אַמאָל.
ער זעט אים אויך איצט נאָך, און הערט נאָך זיין שטים.
אַ בלייכער, גלאַטער, שוועבנדיקער — אַ מלאך אלוהים.
און דאָס ספר, וואָס מער ער איז מעיין אין אים,
מער געפינט ער. אהבה, יראה, צעבראָכן געמיט,
און איבער אַלץ און אַלעם די ליבע צום ייד,
מיט די פריידיקע יסורים, וואָס אָט די ליבע ברענגט,
דער אויפגעהויבענער בליק צו די הימלען פאַרבענקט,
די מינוט פון התגלות, אַזוי וויים צעהעלט,
ווען אַ שיר-השירים-ליד איז די גאַנצע וועלט:

דער האַרבסט איז פאַרביי און דורך דער קלאָרער שויב
קוקט פרילינג אַריין און עס וואָרקעט די טויב;

אַ רגע איז די וועלט אַזוי ראָז, אַזוי בלאָ,
אַז קיין שלעכטס איז נישטאָ און קיין טויט איז נישטאָ;

יעדעס וואָרט ווערט איבריק און יעדערער קלאַנג,
נאָר שווייגן, נאָר הערן דער וועלטס געזאַנג;

ווי עס פּרייט זיך מיט זיין גורל דער איינזאַמער שטיין,
דערפילט גאָט אין זיך און איז מער נישט אַליין;

ווער קאָן רעדן און וואָס רעדן אין אַזאַ מינוט,
סיידן פּלאַפּלען ווי אַ קינד וואָס רעדט נאָך נישט „גוט"...

אָ דו ביסט ערד, דו ביסט הימל, גאָט, דו מיין ליבער!

ברומענדיק הייבט ער די אויגן אויף. אים קעגנאיבער
זיצט יצחק שאַרפּהאַרץ, דער חסיד און גביר.
אויף דעם זיידענעם שלאָפראָק קיין פּלעקעלע, קיין ריר,
אַ ריין-זילבערנע באָרד אין דער ברייט אַריין צעקעמט,
אַ שלייפל הינטערן ווייסן קאָלנער פון העמד,
אַ פּאָר גאָלדענע ברילן, אויף דער אָדלער-נאָז,
און — — — פּנחס האָט אָפּגעזיפצט.

— וואָס-זשע זיפצסטו וואָס?
השלך על אדוני יהבך — דיינע פּעקלעך אַלע!
געדענקסט נאָך, פּנחס, געדענקסט, יענע צייטן פון ביאַלע?
ס'ליגט מיר דער טעם נאָך פון יענעם תורה-זאָגן דאָרט:

מאַין יבא עזרי — עך, ס'אַרא בריליאַנטן וואָרט!
מאַין — פון גאָרנישט, ט'ער, זכרונו לברכה, געזאָגט.
די הילף קאָן קומען פון גאָרנישט — וואָס־זשע ביסטו פאַרצאָגט?
מאַין איז טייטש פון גאָרנישט, נישט פונוואַנעט!
אומזיסט די זאָרגן!

אונ נאָך ווייכער ווי סאַמעט

איז דאָס קול פון גביר. אַזש דער מורא־הוראה,
זיינוועלע, שמייכלט און נישט צוליב דער הנאה
פון דער ביאַלער תורה, וואָס זיין שווער דערמאָנט.
ווייל ראשית, איז דאָס־אַ וואָרט שוין לאַנג אים באַקאַנט,
והשנית, ווען ער וואָלט עס אפילו איצטער געהערט,
איז עס אויך זיין שווער, יצחק שארפהארץ, נישט ווערט,
אַז ער, זיינוועלע, זאָל שמייכלען.... ער קען אים, דעם שווער!
פון דער גאַנצער תורה גדענקט ער נישט מער,
נאָר דאָס, וואָס אים טויג... „פון גאָרנישט וועט עס קומען"...
איז דאָך טאַקע קלוג, וואָס ר'האָט נישט אַרויסגענומען
דעם טייסטער פון טאַש און קיין געלט נישט געגעבן,
זוען זיינוועלע האָט געקרענקט און געשפּילט מיטן לעבן...
„פון גאָרנישט וועט עס קומען"! און—מיט סאַראַ ווייכער שטים!—
פון דער קרענק אָן רעדט ער נישט, זיינוועלע, צו אים.
נאָר אַלע ערב יום־כפור קומט דער נגיד צו גיין,
— זיי מיר מוחל, זיינוול — און פאַרקרימט זיך אויף געוויין.
זיינוועלע איז מוחל. ווייל ער מוז דאָך.... על פי דין...
און נייט זיך צו פאַרגעסן, אַז ער האָסט איב ווי אַ שפּין.
און מנחם, וואָס האַלט פון טאַטן סיי־ווי אַ וועלט,

קוקט אויף אים איצט, האָט אין זינען פֿאַר אַ גוט אויג און קווערט...
אי זיין טאַטנס באָרד געפֿעלט אים, אי דער שלאַפֿראָק, דער נייער,
אי די ברילן די גאָלדענע, וואָס קליידן אים זייער,
היינט דאָס תורה־זאָגן זיינס, דער טיפֿער געדאַנק —
איז וואָס־זשע טאַקע האַלט ער דעם פֿאַלטן אַזוי לאַנג?
זיין טאַטנס פֿאַלטן? באַ־באַלעבאָס — זאָגט ער — באַלעבאָס!
מיין טאַטנס פֿאַלטן! — און דער באַלעבאָס ווייסט שוין וואָס
מנחם וויל. פֿראַלט ער דעם אַלמער אויף, אַזש די קוואַרטיר
צעקרעכצט זיך פֿון שרעק פֿאַרן פֿאַלטן פֿון גביר...

און רב פּנחס האָט דעם „ישמח ישראל" פֿאַרמאַכט
און געקוקט אויפֿן נגיד ערנסטלעך־פֿאַרטראַכט.
דעם גבירס תורה האָט נישט אָנגעצונדן זיין בליק,
ער ווייסט נישט פֿאַרוואָס.

פֿאַר אַ קורצער צייט צוריק
האָט רב פּנחס זיין ברויט פֿאַרדינט אין גבירס הויז.
די לעדער, וואָס איז פֿון גאַרבעריי אַרויס
צו שוסטערס פֿון שטאָט, האָט ער אין ביכעלע פֿאַרשריבן
און ווען ס'האָט זיך אַ חוב צוזאַמענגעקליבן,
און דער שוסטער, ווי ס'מאַכט זיך, האָט פֿאַרגעסן דעם טערמין,
האָט דער נגיד רב פּנחסן געשיקט דאָרט אַהין.

איז פּנחס געגאַנגען, דערמאָנט, אַז עס קומט,
און אַז עס קומט — המ... המ... רב' פּנחס האָט געברומט.
געקוקט אויפֿן שוסטער און געשמייכלט דערביי.

ווייל ממה נפשך: האָט מען, צאָלט מען דאָך סיי־ווי־סיי,
אלא האָט מען נישט — — — און ווייל פנחס איז גוט געווען,
האָבן טאָקע די שוסטערס, ווי ווייט מעגלעך, געזען
אים ליידיק נישט אַוועקצולאָזן. ס׳איז אָפט אויך געשען,
אַז דער שוסטער, ווען רב פנחס איז צו אים געקומען,
איז ער אויפגעשטאַנען און אים אויפגענומען
ווי אַ ליבן גאַסט. אים געבעטן זיצן.
אַ גלעזל ניינציקער — ווינטער, ביר — אין די היצן,
ווייל דער שוסטער, ווען וועלט איז געוועזן וועלט
און מ׳האָט פאַרדינט דעם גראָשן, האָט אין שטוב נישט געפעלט.
אויב נישט קיין טיי מיט ציטרין, אַזוי ווי ביים גביר,
אָבער בראָנפן אַ קאָפּ, צי אַ גלעזל ביר — — —
מאָרגן וועט מען איינציען דעם פּאַסעק שמאָל,
אָבער דערווייל—וויפל מאָל לעבט מען? איר ווייסט נישט וויפל מאָל?
און נאָך אַ קניה, ווען מ׳איז סוף כל סוף דורכגעקומען,
האָט מען פנחסן אין שענק אַריין מיטגענומען.

און ישראל, דער דיקער שטיוול־קאָמיסיאָנער,
מיטן גראָבן בויך, און דעם גאַנג פון אַ בער,
און אַ מויל, וואָס האָט שטענדיק ניבול־פּה געשיט —
אָבער טאָמער איז פּנחס געווען אין דער מיט,
האָט ער איינגעהאַלטן אין זיך די לאַווע פון רייד,
געזעסן און געקיים אַזוי שטילישקערהייט. —
אַ רויטער, גראָב־ליפּיקער, מיטן שטענדיקן גלאַנץ
פון הונגער אין די אויגן. — אויפגעפרעסן אַ גאַנדז,
מיט ביר פאַרכלאַיעט, איז ער ווידער שוין גרייט,

אזוי מיניה וביה, שטייענדיקערהייט,
אַ פּיפּיקל צו פאַרזוכן, בלויזערהייט, אָן ברויט,
נאָר מיט רייד פאַרביסן, אַז אַ קאָזאַק ווערט רויט —
זיצט ער אַזוי שטיל איצט און ווען ס׳באַפאַלט אים די לוסט
אַ וואָרט צו לאָזן הערן, שטיקט ער זיך און הוסט,
וויל פאַרהאַלטן אויפּס כוח, נאָר ער האַלט עס נישט אויס;
ער מוז רעדן... פאַרדרייט ער דעם דישעל און פּלאַצט אַרויס:
ווען קומט משיח, רב פּנחס, ווען קומט שוין משיח?...

בענקסט טאָקע אַזוי שטאַרק נאָך אים? אַ פייער זוכט דיך!
רופט זיך אָן ליפּיש, דער צווייטער קאָמיסיאָנער.
אַ דאַרער, אַ הויכער און דער היפּוך ווי ער:
אַ שמאָליטשקע גערגעלע מיט אַ׳ קנעפּל אינמיטן,
קאַרג, באַלעבאַטיש; ווי ווייט מעגלעך האָט ער אויסגעמיטן
דעם פּרעס און די שענק און ווען ר׳איז שוין יאָ געקומען,
פלעגט קלאָר ווערן ביים סוף, אַז ר׳האָט נישט מיטגענומען
קיין קליינגעלט... ער מיט ישראלן — שונאים אויפּס לעבן.
מ׳איז שטענדיק ברוגז, נאָר כדי נישט נאָכצוגעבן
די סוחרימס אַפּעטיטן, ווערט מען טיילמאָל פרום,
זוכט מען שלום, ווערט מען חבר און הינטנאָרום
לויפט ישראל צו ליפּישעס סוחר און רעדט אים איין:
אַז ווייל ס׳איז דאָך שותפות סיי־ווי, מעג ער דאָך זיין
זיין סוחר אויך... ליפּיש גערגעלע וועט מער נישט זיין בייז,
און בפרט, אַז ער לאָזט אים כך וכך פון פרייז...

און דאָס אייגענע ליפּיש: וואָס טויג אייך דאָס גראָבע פאַס?

קומט צו מיר. וואָס אַרט אייך, מיין שותף וועט נישט זיין אין כעס.
און מאָרגן טרעפן זיך די קאָמיסיאָנערן אין גאַס,
זעט יעדער, ווי זיין שטאָט-סוחר גייט פלוצים מיט יענעם —
און ס׳צעפלאָקערט זיך ווידער דאָס אַלטע גיהנום.

יענע צייטן געדענקט ער נאָך, פנחס, ווי אַצינד:
צען זלאָטעס אַ וואָך האָט ער ביים גביר פאַרדינט
(חוץ וויין אין די סדר-נעכט אויף די כוסות פיר
און סוכות פלעגט ער שאָקלען מיטן אתרוג פון גביר)
און די אַרבעט איז געטיילט געווען אין דרייען:
נומער איינס — די חובות מאָנען צו די שוסטערס גיין;
צוויי — פאַרשרייבן אין ביכעלע, וואָס אַריין, וואָס אַרוים;
און נומער דריי — דער שטענדיקער בעל-יועץ אין הויז.
דאָס דריטע איז שווערער געווען פון די ערשטע צוויי:
אָט דאַרף ער רעדן מיט די ׳מענטשן פון גאַרבערייִ:
היות ער ווייסט, פנחס, אַלס בעל-יועץ, וי ס׳געשעפט שטייט,
האָבן זיי אויסגעקליבן, מיינט ער, אַ שלעכטע צייט
אָן הוספה צו רעדן. אפשר, אַז גאָט וועט געבן,
און מען וועט בעסערע צייטן ווי היינט דערלעבן,
וועט איבריק זיין ס׳רעדן. ער וועט קומען צו גיין,
דער גביר, און געבן נאָך מער, ווי זיי ווילן אַליין —
ווען די צייט וועט קומען... פנחס דאַרף געבן צו פאַרשטיין...

אַזאַ שליחות איז געלעגן ווי אַ לאַסט אויף אים
און ווען דער גביר מיט זיין סאַמעטענער ווייכער שטים
האָט געלערנט, ווי ער דאַרף מיט די יידן צו טענהן,

איז פּנחס אַזוי שטום און באַצערט געשטאַנען,
די אויגן אַראָפּגעלאָזט, דאָס פּנים בלאַס
און געטראַכט, אַז ער זינדיקט, ווייל ער פילט אין זיך כּעס.

ער אַליין האָט שוין לאַנג זיך פאַרנומען, זינט אַ ווען,
(ווייל ער ווייסט טאַקע, דאָס געשעפט קען צאָלן, עס קען!)
אַ קליינע הוספה צו רעדן דעם גביר.

ר׳האָט אָפּגעלייגט כּסדר, נאָר בעת א שפּאַציר
איינמאָל נאָך מיטאָג, ווען פּנחס האָט אים באַגלייט
(דאָס איז געווען אַ מין מצות-רשות, אומגענייט,
וואָס מ׳טוט עס, מכלומרשט, אייגנווילִיק, אַליין,
נאָר דאָך, אויב מ׳טוט עס נישט, פאַרלירט מען דעם חן
אין באַלעבאָס אויגן, דאָס דאַרף מען נישט פאַרגעסן...),
דער נגיד איז אויפגעלייגט געווען נאָכן עסן,
ר׳האָט גערעדט אַזוי זיס, דאָס פּנים האָט געשטראַלט,
שפּאַצירנדיק אויפן שטעגעלע, וואָס פירט צום וואַלד.
דער קאָרן האָט געפאַליעט זיך פוןביידע זייטן,
דער בלויער וואַלד האָט געטונקלט פונדערווייטן,
שיכּור-דרימלענדיק אין נעפּלדיקן ראַנד;
און פּנחס, וואָס איז געגאַנגען ביי זיין רעכטער האַנט,
האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ ציטער אין קול:
אַז גאָט איז גרוים, די וועלט שיין, נאָר דער פּרנסה-עול
דריקט שווער אַזוי דעם מענטש, דערנידריקט אים אַ סך,
און ציט אים, נעבעך, אַוועק פון דער עצם-זאַך.
וואָס דאַרף מען מער? ער אַליין טאַקע, למשל, ער...

ער וויל נישט זינדיקן, חס ושלום, נאָר ס׳איז אים שווער,
ס׳איז ביטער און שלעכט אים דורכצולעבן די וואָך.
קיין סך דאַרף ער נישט. ווען ער פאַרדינט, לאָמיר זאָגן, נאָך
אַ פינף גילדן, איז לאָזט ער זיך באַגניגן —
און פנחס האָט געקוקט אויף דר׳ערד און געשוויגן.
נאָר דער גביר האָט גערעדט. אָבער נישט וועגן געלט,
נאָר וועגן דער פשטות און שיינקייט פון דער וועלט.
ווי ווייניק מ׳דאַרף האָבן צו דערגרייכן דאָס גליק.
די פייגעלעך, למשל, אַ קרישקעלע און גענוג...
און זיי זינגען נאָך שירה, בעת זיי שוועבן.
אָט ווען מ׳קען זיך אויסלערנען ווי זיי דאָ צו לעבן —

און פנחס האָט געדרונגען דערפון — ער וועט נישט געבן...

און ווען ר׳איז שפּעטער געקומען אַ היים צו גיין,
האָט דער זון זיינער, וואָס איז פאַרשריבן אין פאַריין,
דער סטרייקער, דער „אַכט-שעהדיקער בעל-מלאכה״,
ווי ער פלעגט אים רופן — גאָר אַן אַנדערע מערכה
געקריגן ביי אים. נישט אָוועקגעדרייט דעם בליק,
ווען ער פלעגט צו אים רעדן, ווי מיט אַ צייט צוריק.
און איינמאָל האָט ער געזאָגט אים: האָב דיר אַ גוט יאָר,
ווען דו היטסט נאָר אָפּ, וואָס מ׳טאָר נישט און וואָס מ׳טאָר,
און דו גייסט נישט מיט זיין ליבן נאָמען קידער-ווידער,
נאָר דו ווייסט, ווער דו ביסט — איז האָב איך עפּעס צו דיר?!

און דעם גביר האָט ער געדינט נאָר אַ קורצע צייט נאָך,

און פֿאַר די יום־טובים, ווען דער צענער זלאָט אַ וואָך
איז נאָך נישטיקער, קלענער געוואָרן אָן אַ שיעור,
און דאָס ווייב האָט נישט געוווסט, וואָס צו טוען דערמיט פֿריער,
און געוויינט פֿאַר אים — האָט פנחס געגנעגט פֿאַרן גביר
און געזאָגט: ס׳זאָל דיך נישט פֿאַרדריסן, וואָס כ׳קום צו דיר היינט.
דו קענסט מיך שוין פֿון לאַנג און דו ווייסט, ווי כ׳האָב פֿיינט
פֿאַר מענטשן זיך צו קלאָגן. כ׳האָב מיך אָפּגעהאַלטן אַלץ.
נאָר דאָס וואָסער איז שוין צוגעקומען ביז צום האַלדז.
ס׳שטייט דער יום־טוב פֿאַר דער טיר און נישט אָנגעגרייט קיין זאַך,
פֿאַרמשכנט, פֿאַרשולדיקט ביז איבערן דאַך,
און אַזוי ווי נעמען נעם איך נישט קיין סך,
— צען גילדן אַ וואָך, בין איך געקומען בעטן דיך

און דער גביר: קיינער ווייסט נישט, וועמען ס׳קוועטשט דער שיך.
ווער ס׳איז מיך מקנא! אָט האָט דער בענאָק באַפֿוילן,
אַז אויב איך גיב נישט קיין געלט, קאָן איך ביי אים פֿועלן,
ער זאָל שבת בייטאָג זיך אָוועקשטעלן ביי דער טיר
מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. האָסטו ווייניק דיר,
איז אויך זיינוועלע, דאָס „שיינדל“, ברוגז מיט אַ מאָל.
אַלע אינאייינעם אויף מיר! נאָר צאָל זיי און נאָר צאָל.
און פֿונוואַנען זאָל איך נעמען? און איצט דיין זאַך:
צען גילדן אַ וואָך איז טאַקע נישט קיין סך,
ס׳דאַכט זיך אַזוי, אַ מטבעלע אַ נישטיקס. נישט וואָר?
אָבער באַרעכן, זיי מוחל, וויפֿל ס׳מאַכט אויס אַ יאָר...
אַ יאָר איז עס פֿינעף הונדערט זלאָטעס! ריכטיק? האַ?

און פּנחס האָט דערפילט אין פּנים אַ פּאַטש אַזאַ,
אַזאַ שטומער כּעס האָט געדרוקט און געקלעמט:
עס איז דאָך נישט קיין נדבה, דאָס געלט, וואָס ער נעמט!
ער גיט דאָך עפּעס אויכעט! אַזוי פיל צייט!
צוליב וואָס האָט ער גיין געלאָזט די תורה אין אַ זייט —
אויסער ביינאַכט אַ שעה און אַ שעה באַגינען —
אַלץ די ביטערע פּרנסה צו פאַרדינען!
טיילמאָל לאָזט ער דורך שוין דעם נאַכטיקן שיעור —
און פּנחס הייבט אָן שטאַמלען: איך אַרבעט דאָך ביי דיר!

— אַזוי גאָר? זיי מוחל, כ׳האָק דיר איבער אין דער מיט.
זעסטו, ווען דו זאָגסט מיר, אַז ביסט אַן ערלעכער ייד,
בין איך מסכים... ביסט עס טאַקע, כ׳זאָג דיר אַליין,
נאָר אויב דו זאָגסט, ביסט אַן אַרבעטער — זאָג איך דיר: ניין!
דו טויגסט נישט דערצו. אָבער גאָרנישט, כ׳רעד נישט אויס,
ביסט דאָ, ביסטו דאָ.

און ווען פּנחס האָט פאַרלאָזט דאָס הויז,
האָט אַ טרויער גענאָגט אין זיין שטילן ברומען.
און ווען ר׳האָט שפּעטער אַן אַנדערע שטעל באַקומען,
האָט ער אָפּגעאָטעמט פריי.

ביים גראָבן קאָמיסיאָנער
האָט ער בלויז אין די ביכער געשריבן און נישט מער,
ער האָט וויניקער אַרבעט געהאַט, ווי ביים גביר,
און מער פאַרדינט און בכבודיקער ווי פריער:

דריי זלאָטעם פון אַ קעסטל שטיוול אָדער שיך.
רב פנחס האָט דאָס עסק איבערגענומען גיך,
מיט די סוחרים זיך באַקענט, געפונען חן
אין זייערע אויגן און אינגיכן פלעגט ער אַליין
אין די „קרעסן" פאָרן, ווו די סוחרים האָבן געווינט;
דעם באַלעבאָס זיינעם האָט סתם דאָס געשעפט געלוינט,
ווייל ווען פנחס איז צוריקגעקומען פון שטעט אַ סך,
און אויפגעגעבן: הוצאת הדרך כך וכך,
האָט ישראל אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגן גרויסע. —
בגילופין, ווי שטענדיק נאָך אַ פּרעס און אַ כוסה,
האָט ער אויסגעפּלאַפּלט באַלד אַלץ, וואָס ער טראַכט:
יעך — האָב דריי מאָל אַזויפיל הוצאות געמאַכט,
און אין שטעט בין איך דאָך געווען אַ העלפט ווי איר.
עץ פּאַסט אויפן וועג, צי וואָס? יאָ, און זאָגט נאָר מיר,
ס'איז דאָך אַ וועג, רב פנחס, אַ וועג, און טיילמאָל פאַרגלוסט...
אָבער דאָ האָט ער פלוצים זיך לייכט צעהוסט,
צוריקגעצויגן אויפּס כוח דעם חוצפהדיקן טאָן:
כ'האָב געמיינט, צי ס'גליסט אייך נישט אַזאַ גוטן פּרעס צו טוען.
עץ האַלט גאָרנישט פון די-וועלט, רב פנחס, ניין?
און יעך, זעט עץ, די בראָך נעמט מיך! כ'קאָן זיך נישט באַגיין
אָן עולם הזה. כ'פּרווו אַ מאָל מאַכן אָן עק,
כ'וויל בעסער ווערן, פרום, ווערט אומעטיק — אַ שרעק!
דעם ערשטן טאָג גייט עס נאָך, ס'איז מאָדנע-גוט אַפילו,
וואָס געווען, טראַכט מען, איז געווען און איצט קומט דאָס שטילע,
און ס'איז מחיהדיק, זיס, אַזוי אנגענעם די רו —
און פלוצים: עפּעס גיט אַ קאָך, אַ זאָט, אַ גלי און — — — — פּפיו!

װוּ־זשע איז דאָס שטילע, דאָס הײליקע? — אונטערן בעט!
ס׳האָט עפּעס קײן האַפּט נישט... װאָס קוקט עץ אויף מיר־
װאָס יעך רעד?
ס׳איז נאַריש טאַקע... אַזוי איז שוין די װעלט...
און פון אײך בין איך צופרידן. דר׳עיקר — צ׳האָט געבּרענגט געלט.
גרויסע חזירים די סוחרים פון די קרעסן,
אַז מען פּאָרט נישט צו זײ, מאַכן זײ זיך פאַרגעסן,
און ליפּיש צעבאַליעװעט זײ, זוכט אים אַ קרענק!
נו, פאַרשרײבּטס די געלטער. כ׳װעל זײן בײ װעלװלען אין שענק.
און טאָמער זוכט מיך עמעץ, בין איך דאָרטן דאָ.
אַ גוטן. פאַרשרײבּטס און גײטס אַ הײם אויף אַ פּאָר שעה.

סוף זומער איז ער אָנגעקומען צום קאָמיסיאָנער,
רב פּנחס איז צופרידן געװען, נישט געאַרבּעט שװער,
געננוג צײט געהאַט צו לערנען יעדן טאָג דעם שיעור,
און אָן אַ מענטליק דאָס געלט געקריגן, נישט װי בײם גביר.

ערב סוכּות האָט ער דערהאַלטן אין שטוב אַרײן,
פון נײעם באַלעבאָס זײנעם דרײ פלאַשן װײן,
און אַ בריװעלע: „אַ גוטן יום־טוב װינטשט ענק
ישׂראל, דער פאָדלעץ. כ׳בין בײ װעלװלען אין שענק.
ר׳האָט פריש געננזנס (ס׳אַ זעלטנהײט!) און דאָס אמתע ביר.
רב פּנחס, אויב עץ װילט און צ׳שעמט זיך נישט מיט מיר,
קומט־זשע תּיכּף אַהער און קוקטס נישט, װאָס ס׳איז שפּעט,
װעט עץ עסן װײניק און נישט צו דער זעט.
װאָס שײך מיר, װעל איך עסן סײ־װי־סײ

די יום־טוב־סעודה „לתאווה”. און אייך שטייט עס פריי.
צ׳וועט עסן אַזוי פיל, ווי צ׳וועט וועלן אַליין
און באַפעלט מיר דורכן שליח, צי עץ קומט צו גיין.”

ביים טיש, מיט אַ קלאָר ווייס טישטעך איבערגעצויגן,
איז געזעסן רב פנחס. די גלאַנציקע אויגן
פייכט, די באַקן ראָז. ווי געוויינטלעך נאָך אַ באָד.
לעבן אים די פּרעכטיקסטע צווילינגען פון סאָד:
צוויי רויטע עפּל, געל־אַטלאַסענע באַרנעס צוויי
אויף אַ ווייס־לאַקירטן טעלער און צווישן זיי
בלויע פלוימען עטלעכע, באַהויכט קוים קוים.
אַ ברוין, שמעקעוודיק גלאָז טיי מיט אַ העלער שוים
פון אויבן, פירקאַנטיק ווי אַ פּערלדיקע בראָש,
וואַרט אויף אים. — נאָר רב פנחס נעמט אַרויס פון קלאָש
אַ זעלטענע פרוכט, וואָס מ׳קויפט נאָר אַן איינציק מאָל
אין יאָר: אַן אתרוג פון ארץ ישראל.
עס גייט־אויף אין שטוב דער הויך פון יענעם לאַנד,
און ער האַלט אים פאַרזיכטיק אַזוי אין דער האַנט,
ווי עס האַלט אַ געטרייער טאַטע, אַ ליבער,
זיין ציטערדיק קינד. באַקוקט אים, דרייט אים איבער,
באַטראַכט דעם עקץ, באַטראַכט דעם פּיטם,
און ער איז, ווי עס ווייזט אויס, צופרידן מיט אים,
ווייל ער שמייכלט גליקלעך, דאָס פּנים שטראַלט. מן הסתם
איז ער שיין און כשר, אָן אַ פּיצעלע פּגם.
ער לייגט אים צוריק אין קלאָש אַריין, וואָס איז אויסגעבעט ווייך,
נאָר עס בלייבט נאָך הענגען זיין מלכותדיקער ריח
איבערן ווייסן אַלקערל.

אין אַ ווינקל שטייט,

אין אַן ערדן טעפּל וואַסער דער לולב. גרייט
מיטן אתרוג זיך צו פּאָרן, פון דער ווייטער מדינה.
ר׳איז אויסגעפּוצט אין פינגערלעך, אין הדסים גרינע,
אין קינסטלעך-געפלאָכטענע קיישעלעך שיינע,
אין ווערבע-ריטלעך מיט לענגלעכע בלעטלעך קליינע.
דאָך קומט ער נישט צום אתרוג... און מיט זיין גאַנצער ציר
שטייט ער, נעבעך, צוגעלייגט ווי אַן אורח ביי דער טיר.
נאָר רב פּנחס פאַרגעסט נישט אין אים, נעמט אים אַרויס
פון טעפּל, הייבט אים אויף, באַקוקט: — ווי זעסטו עפּעס אויס?
נישקשה. נאָר די בלעטלעך נעבעך... וואַרט. און גיט אַ ריק
אַ פינגערל העכער און — שוין. דער לולב באַקומט שיק.
אַזש רב פּנחס קוועלט: איצטער ביסטו דאָך, ווי ס׳דאַרף צו זיין!
און שטעלט אים צוריק אין טעפּל וואַסער אַריין.

דער זון קומט אַריין דאָס אַנצוג זיך נעמען.
אַ צעצוואָגענער שטעלט ער ביים שפּיגל זיך קעמען.
קעמט אַהין, קעמט אַהער אין ביידע זייטן שרונטס,
און רב פּנחסן קאָסט דאָס אַ שטיק געזונט.
דעם זון זיינעם, זיין בלוט און פלייש, קאָן ער נישט פאַרשטיין:
ווי שטעלט זיך דאָס אַ מענטש אַוועק פּוצן זיך אַליין...
נאָר ער רעדט נישט, ער שווייגט, נישט אַנצוצינדן קיין קריג.
ער בעט אים נאָר מיט די אויגן: אפשר שוין גענוג?

ער אַליין גייט צום פענצטער צו, קוקט דורך דער שויב אַרויס
אין דער סוכה אַריין, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אין הויז
מיט אירע ווענטלעך דריי, צונויפגעקלאַפּט פון ברעטלעך אַ סך.

אינדערהייך ליגט אויסגעלייגט דער פרישיטשקער סכך,
די שטיינערנע פּאָדלאָגע אויסגעקערט, מיט זאַמד באַשיט,
דער טיש מיט די שטולן אַרום שטייט שוין אין דער מיט,
און די אויבנאָן וואַנט, וואָס קעגנאיבער דער טיר,
איז מיט דער שבת-קאַלדרע באַצירט; און פון לאַק-פּאַפּיר
אויסגעפורעמטע פייגעלעך רויטע, געלע גרינע,
הענגען פון סכך אַראָפּ אויף פעדעמלעך דינע.
דאָס האָט זיי רב פנחס אויסגעפורעמט לשם נוי,
ווייל „זה אלי ואנוהו" מאַכט רש"י אַזוי:
„אנוהו" במצוות — די מצוה זאָל זיין שיין.

און ביינאַכט, ווען פנחס וועט קומען פון „שטיבל" צו גיין,
וועט ער מיט אַ ציטערדיקער פרייד אַן אורח פאַרבעטן,
און אַ הויכער גאַסט וועט די נידריקע שוועל באַטרעטן
פון זיין אָרעם סוכהלע, אַזוי ווי אַלע יאָר.
זיין געשטאַלט וועט ער נישט זען, פנחס, און דאָך וויסן אויף קלאָר,
און דאָך וועט ער זיכער זיין, אַז דער אורח וועט זיין.
ער וועט זאָגן: כ'בעט דיך, טאַטע אברהם, קום אַריין,
און מיט דיר צוזאַמען פאַרבעט איך מיט כבוד
יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרון און דוד.

אַ ווייס טישטעך וועט ליגן איבערן טיש פאַרשפּרייט,
דער ווייַן וועט אַקעגנפינקלען מיט ברוינער פרייד
צו די ליכט, וואָס דאָס ווייב האָט געבענטשט איבער זיי,
אַ צוועלכל וועט פאַרדעקן די חלות צוויי,
פרישער האָניג וועט פאַרשפּרייטן אַ ריח אַ זיסן,

און זיך גילדנדיק, וואַרטן, מ׳זאָל קומען און געניסן.
נאָר פּנחס וועט פריער אָנגיסן דעם בעכער מיט וויין,
פול איבער דעם ראַנד און מקדש יום־טוב זיין,
אַ ברכה מאַכן, באַדאַנקען גאָט פאַרן לעבן,
אויסטרינקען רוב כוס און צו פאַרזוכן געבן
דעם ווייב מיט די קינדער. זיך צוברומען אַ ניגון,
ווי זיין שטייגער איז. דאַן וועט ער וואַסער קריגן,
זיך די הענט וואַשן. נישט איבערטרעטנדיק דאָס שוועלכל —
ערשט דעמאָלט וועט ער אַראָפּנעמען דאָס חלה־צוועלכל,
אַ מוציא מאַכן, צעשניידן, געלאַסן אַזוי אַלץ,
און איינטינקען די מוציא אין האָניק און אין זאַלץ.

דער אייבערשטער זאָל נאָר העלפן, דאָס וועטער זאָל זיין שיין,
און דעם שכנס שגץ זאָל נישט וואַרפן קיין שטיין,
אַזוי ווי פאַראַיאָרן אין סוכהלע אַריין.
עס איז אים, פּנחסן, נישט היינט געדאַכט, דער בעכער מיט וויין
פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן אין סאַמע מיטן
קידוש. ס׳איז נאָך גוט געווען, וואָס גאָט האָט פאַרהיטן.
ווייל דער שטיין איז אַ גרויסער, אַ שווערער געווען,
און ס׳איז טאַקע נאָר עפּעס אַ נס געשען,
וואָס ס׳האָט קיינעם נישט געשאַדט. נאָר די ליכט אין די שפּאָרן
האָבן אַ צאַפּל געטוען, פאַרלאָשן געוואָרן.
זיין זון, אָט דער, וואָס קעמט זיך איצט און פוצט זיך אַזוי אויס,
איז דער סאַמע ערשטער פון סוכה אַרויס,
און רב פּנחס נאָך אים. נאָר אַרום און אַרום
זעט מען נישט קיינעם. שווייגנדיק און שטום

ליגן די גאַסן מיט די הייזקעס די קליינע;
די לופט אַ שאַרפע, אַ קילע און אַ ריינע;
דער טונקל־בלויער הימל, מיט זילבער באַפליטערט,
ליגט אין רו — נאָר רב פנחסעס האַרץ האָט געציטערט.

און אויך איצט, פילנדיק די הייליקע פרייד
פון קומענדיקן יום־טוב, וואָס שטייט אויף דער שוועל שוין גרייט.
זעט ער, לעבן דער שמחה, דעם טרויער ביי דער זייט,
און ער דערבליקט פאַר זיך פלוצים די שכינה, וואָס ליידט,
און דערפילט אין די אויגן צוויי גליענדיקע טרערן.

אַזוי אָפט טראַגט ער אין זיך אַזאַ צער אַ שווערן,
אַז ער וואָלט אין די גאַסן געררופן, הויך, מ׳זאָל הערן:
פון ווערקשטאַט אַוועק! פון די שטובן אַרויס!
טוט אָפּ די חרפּה פון זיך און לייזט זי אויס!
נאָר ער זאָגט פונדעסטוועגן אַלץ אין דער וועלט און נישט דאָס.
דעם סאַמע עיקר פאַרשוויגט מען, איין גאָט ווייסט פאַרוואָס.
אַזוי איז שוין אויף דער וועלט, ס׳גייט יעדערער פאַר זיך,
און ס׳פאַרשפּעטיקן דעריבער די טריט פון משיח.

ווי ער טראַכט אַזוי, עפנט זיך די טיר. דער שליח
פון ישראלן, דעם קאָמיסיאָנער, קומט אַריין,
שטעלט אַנידער אויפן טיש די דריי פלאַשן ווײַן,
גיט דעם בריוו און זאָגט: סראָל איטשע פרצעס וואַרט אויף ענק,
און ער זיצט ביי וועלוול יעקב מאירם אין שענק.
ר׳האָט מיך געהייסן זאָגן, אַז דאָס געזונס מיטן ביר

איז ווייל ווי די וועלט... און צזאָלט באַפעלן דורך מיר,
צי ער קומט.

פנחס, פון ישראלס גוטסקייט גערירט
(ר׳האָט שוין לאַנג אונטער זיין גראָבער הויט איידלקייט דערשפּירט),
האָט ס׳בריוול געלייענט און די שטעל „אויב צשעמט זיך
נישט מיט מיר"
האָט אים שטאַרק געאַרט. און כדי צו געפינען פּאַפּיר,
איז ער צום ספרים־אַלמער צו און פון מיטלסטן פאַך,
ווו ס׳זענען איינגעפּרעסט געשטאַנען ספרים אַ סך,
האָט ער איינם אויסגעקליבן, אויפגעמישט אַן אָרט,
אַרויסגענומען אַ בלעטל, וואָס איז געל געוואָרן דאָרט,
בכבודיק זיך געעלטערט אַ היפּשע פּאָר יאָר
און געשריבן:
„לידידי ישראל, נרו יאיר.
ראשית — אַ יישר־כוח בשביל דעם יין.
והשנית, ווי איז עס גאָר אויפן רעיון
געקומען לידידי, אַז יעך זאָל מיך שעמען.
כ׳וואָלט זייער גערן געקומען און גענעמען
אַ ביסל משקה צוזאַמען, נאָר ס׳איז שפּעט למנחה.
ווינטש איך אים פונווייטנס אַ יום־טוב של שמחה,
אַ געזונטן ווינטער און אַ לעבעדיק יאָר".

און אין די ציילן איז נישט געווען קיין חניפה אַ האָר.
ר׳האָט געפילט אין ישראלן אַן אמתן ידיד.
ווייל פנחס, יום־טובדיק איצט און צעשפּילט אין געמיט.
האָט אַ ברודער געזען אין יעדערן ייד.

און באַלד האָט ער, צוזאַמען מיטן אַטלאַסענעם קליִיד,
אַרויפגעצויגן אויף זיך אַזאַ געלייטערטע פרייד,
אַז דער אָוונט, וואָס האָט ווי אַ בער אין דער שויב
זיך צעלייגט, איז מילדער געוואָרן, אין אַ טויב
זיך פאַרוואַנדלט, אין אַ ווייסע, אַ שטילע,
און אַריינגעדאַוונט וואָרקנדיק אַ תפילה
אין דער שטוב אַריין. און אַזוי בעטנדיקערהייט,
רב פנחסן פון זיין היים אין „שטיבל" אַריין באַגלייט,
און צוזאַמען מיט אים זיך אָפּגעשטעלט אין דער מיט
פון וועג: ישראל, קוים שלעפנדיק די קאַטשענע טריט,
רויט, פאַרשוויצט, וואַקלדיק און אָנגעבלאָזן ווי אַ פּאַס,
האָט זיך ווי אַריינגעקאָלערט אין דער בית־מדרש־גאַס,
זייער שווער און פויל, פון דעם געסעלע אַרויס,
ווו די שענק איז געווען; און ביים ווינקל־הויז
מיט זיין „מענטש", דעם „שרייבער", זיך אָנגעשלאָגן.

פנחס, הויכוויקסיק (דאָס שטריימל, וואָס ר'האָט געטראָגן,
האָט אים העכער נאָך אַ סך אויסגעצויגן),
די ברעמען, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפן פון די אויגן,
אַרויפגעשפּיזט הויך אין געקנייטשטן שטערן אַריין,
ווי גאַרנדיק צו דערזען יענע זעלטענע שיין,
וואָס די אויגן זעען נישט, און אינערלעך פאַרטראַכט —
ווי דער שטייגער פון אַ ייד ערב יום־טוב פאַרנאַכט —
איז ישראלן פאַרביי, גאַרנישט מערקנדיק אים.
נאָר ישראל, מיט אַ שיכורלעך־הייזעריקער שטים,
האָט אים אָפּגעשטעלט: גוט יום־טוב! עך, ווי אָפּגעפרישט!

אין באַד געווען. און דאָס ווייב האָט עץ אויף יום־טוב? יעך—נישט!
עץ שמייכלט? נו מילא! פרייט זיך... פרייט זיך... נישט אומזיסט...
נאָר ר׳האָט אָפּגעהאַקט פּלוצים און לייכט זיך צעהוסט.

אין „שטיבל״ איז די פּאָדלאָגע אויסגעקערט ריין.
ס׳איז קיינער נאָך נישטאָ. נאָר דער גבאי אַליין
דרייט זיך שטיל אַרום און פּאָרעט זיך. ווי תמיד
ערב יום־טוב לייגט ער אַוועק אויפן עמוד
דעם קהלהשן טלית, דאָס מחזור. דער כיור
איז פול מיט וואַסער און אויך דאָס פאַס ביי דער טיר,
לעבן שעפל, איז אָנגעפולט ביז סאַמע דעם ברעג,
און דאָס האַנטעך, וואָס איז צוגעניית עק צו עק,
הענגט לעבן אויוון אויף זיין הילצערנעם געשטעל
דער חלל — האַלב־טונקל, נאָר איבערן עמוד איז העל.
די ליכט באַלייכטן דעם „שויתי״ אויף דער וואַנט,
מיט זיינע גרויזאַמע, אייביקע אמתן ביים ראַנד:
„דער מלאך־המות קומט צו גיין און ער האַלט
אַ שווערד אין האַנט און פרעגט דיך נישט: ביסטו יונג, צי אַלט״.
„דער מענטש זאָרגט זיך אויפן אָנווער פון זיין געלט
און ער זאָרגט נישט, אַז דאָס לעבן איז קורץ אויף דער וועלט״
און נאָך און נאָך. און אין סאַמע מיט פון דעם געשריפטס
איז אויסגעצירקלט דער נאָמען, וואָס איז דאָס גרעסטע גיטס,
וואָס איז די העכסטע פרייד. און ווי וויל איז דעם מאַן,
וואָס גאָט איז תמיד אין זיין נשמה פאַראַן —
דעם שרעקט נישט גאָרנישט. נישט קיין וואַסער, נישט קיין בראַנד.

אין „שטיבל״ איז געמיטלעך. דער לאַנגער טיש ביי דער וואַנט
מיט די בענק אַרום האָט אָנגעטוען אַ פריש געוואַנד
פון היימישער, גראָבער לייוונט, אויסגעוואַשן ריין.
ס׳איז גרוי, וואָס אַן אמת, געלאַטעט אויך, נאָר גאַנץ שיין.
אויף אַ לאַנגן, פון טיילן געשטיקעוועטן, דראָט
הענגט די נאַפט-לאָמפּ, אויסצייכנענדיק אַ קליין ליכטיק ראָד
אויפן בעליק. דאָס לעמפּל איז אַראָפּגעדרייט.
פון קאַלפּעקל, דורכן גלעזל, קוקט פאַרוווּנדערטערהייט
דאָס פייערל אַרוים. אַזאַ שטילס און פאַרטראַכטס,
ווי אין פרילינגס-צייט אַ קנאָספּעלע אַ האַלב פאַרמאַכטס.

אויף אַ וואַנט הענגט דער „הודו״, וואָס מען זאָגט פרייטיקצונאַכטס
פאַר מנחה. זיינע ווערטער ברענגען אַזוי פיל טרייסט
דעם אומגליקלעכן. און נאָר דער, וואָס ליידט, דער ווייסט,
וויפל היילונג און דערקוויקונג ס׳איז דאָרטן פאַראַנען:
„זיי זענען אין וויסטעניש, אין מדבר געגאַנגען,
אין הונגער, דורשט, מיט נשמות געקאַרטשעטע פון וויי —
זיי האָבן צו גאָט געשריגן, האָט ער געהאָלפן זיי.
די אויגן זיי געעפנט ביים סאַמע אָפּגרונטס-ראַנד,
און זיי האָבן דערזען דאָס זוניקע לאַנד״.
אַנדערע ווידער האָט אַ שיפס-ברוך געטראָפן.
זיי וואַקלען זיך ווי שיכור, די אויגן בלוט-פאַרלאָפן
און דערוואַרטן דעם טויט מיט שוידער און ציטער —
און מאַנכן מענטש איז, סתם אַזוי, שלעכט און ביטער —
זייער אַלעמענס ווייו האָט דער אויבערשטער דערפילט,
די פּאַליעס אַ גלעט געטוען, דעם שטורעם געשטילט.

פאַרטרייב־זשע דעם חושך און דערפיל אין דיר גאָט!

אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט לייענסטו דעם סוד:
אַז פּונקט ווי די הימלען מיט די שטערן דאָרט הויך,
אַזוי אויכעט די ערד ווערט באַלעבט דורך זיין הויך.
אין אַלץ איז ער דאָ: אין דער זון, אַ ווערעמל אַ קליינס —
און דער גאַנצער, גרויסער באַשאַף איז אַ ליכטיקע איינס.

ווייטער הענגען שענק מיט פיל ספרים־פּאַקן
פאַר וויללערנערס. נאָר די סאַמע עיקרדיקסטע זאַכן
רעדן שוין פון די ווענט אַראָפּ מיט אַ קלאָרער שפּראַך.
און דער, וואָס פאַרטראַכט זיך אין זיי, דער ווייסט שוין אַ סך.

נאָכן גבאי איז רב פּנחס געקומען צו גיין.
ר׳האָט אויסגעטועט דעם פּאַלטן און געבליבן שטיין
אין דער אַטלאַסענער יופּיצע לעבער הויל.
פון אַ הינטער־קעשענע האָט די רויטע פּאַטשייל
אַרויסגעשטאַרצט, קוקנדיק פאַרשעמט מיטן שפּיץ אַראָפּ.
און דאָס פאַרגעלט־אויסגעקראָכענע שטריימל אויפן קאָפּ
זוכט, איבער דער ספרים־שאַנק איינגעבויגן,
גיט אַכטונג און באַפּעלט, דאַכט זיך, רב פּנחסעס אויגן,
וואָס זיי האָבן צו טוען. און אַז לײדיק גיין
פאַר אַזאַ שטייגער ייִד, ווי ער, איז פּע, איז נישט שיין.
דאָך, רב פּנחס לאָזט שטיין די ספרים פון הלכה,
נאָר דאָס ספר פון אים, זכרונו לברכה,
נעמט ער מיט ליבע און עפנט עס מיט ציטער.

די טיר פראַלט אויף. אין ווויליקעס, אין אַ פוטער,
מיט דעם סויבעלנעם קאַלנער דאָס פּנים פאַרשטעלט,
פאַלט אַריין ישראל דוד. אינדרויסן די קעלט
איז נישט גרויס, אין „שטיבל״ איז וואַרעם, דאָך טוט ער נישט אויס
דאָס שווערע פוטער. נעמט אפילו נישט אַרויס
די נאָז פון קאַלנער. נאָר אָט, ווי ער שטייט און גייט,
נעמט ער אַ ספר פון שאַנק און אָנגעפּעלצטערהייט
זעצט ער זיך צום טיש אַוועק און נישט רעדנדיק אַ וואָרט,
מישט ער אויף דאָס משניות ערגעץ אויף אַן אָרט,
און לאָזט עס סתם אַזוי פאַר אַן עדות ליגן.
ווייל די אויגן מאַכט ער צו און מיט אַ ניגון
אַ בייזלעך-נאָגנדיקן, זיך שאָקלענדיק הין און הער,
לערנט ער אויף אויסווייניק. סטרעפּט, ער בלייבט שטיין און שווער
קומט אָן דאָס דערמאָנען זיך. פאַרקוועטשט ער די אויגן נאָך מער,
אַזש די ווייס-געדיכטע ברעמען, ווי שפּיזן צוויי,
וואַכן איבער די אויגן און גיבן אַכטונג אויף זיי:
„העי גנבים!״ דער ניגון ווערט בייזער און פאַר ווי
פאַרקרומט ער זיך אַזש, ווי ער וואָלט זיך געכעסט אויף וועמען,
ביז ער דערמאָנט זיך. נעמט ער די שפּיזן-ברעמען
פון די אויגן אַוועק, לאָזט זיי פריי אָן שומרים איבער.
נאָר עס טרעפט זיך טיילמאָל, אַז ער קאָן נישט אַריבער,
דער מלאך פון שכחה פאַרלייגט זיך — און ניין,
דעמאָלט לאָזט ער עפּענען אַ פּיצלדיק, קליין
שפּעלטעלע פון רעכטן אויג: „גיך כאַפּ אַ בליק,
גנב איינער!״ און בליץ-שנעל פאַרמאַכט ער עס צוריק,
ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען און ער לערנט ווי פריער.

ווי אַ שאָטן נישט קיין מענטש, וואָלט געעפנט די טיר,
זיך שאַרנדיק ביי די ווענט, און סודותדיק אַזוי,
קומט אַריין דער מלמד, מאיר יחיאל „די שטרוי".
אַ קליין יידעלע מיט אויגן גרויסע און זייער דאַר,
הויט און ביין — איז דער צונאָמען „שטרוי" פאַר אים דערפאַר
ווי אָפּגעמאָסטן. פאַרן פאָדער־הויז פון „שטיבל"
לענט ער זיך אָן אין דער וואַנט. הייבט אויף אַ שטיוול
צו דער נאָז, באַשמעקט די זויל פון אַלע זייטן.
פאַרטיק געוואָרן מיט איינעם, הייבט ער אויף דעם צווייטן,
און דערנאָך, אַז ר'איז זיכער שוין אויף כל אופנים
אין דער ריינקייט און נאָך אָפּפאָרן זיך קטנים,
קנעפּלט ער זיך צו, מאַכט זיך גלייך און טרעט אַריין
אין גאָטס הויז; גייט צום פאַס צו, טינקט די הענט איין
אין וואַסער, און שפּריצט אַרום דריי גרויסע פאָנטאַנען
אין פאָמישאַף אַריין, וואָס איז לעבן פאַס פאַראַנען.
ווישט זיך די הענט מיט אַ פאַמעלעכקייט אַזאַ,
פאַרגלייזט די אויגן צום בעליק, מאַכט בו־ו און אַ־אַ,
און זאָגט „אשר יצר" מיט זיין אומהיימלעכער שטים.

יינגלווייז האָב איך מוראדיק געציטערט פאַר אים,
געהאַלטן פאַרן גרעסטן מכשף אין דער וועלט
און — אַריינגעפאַלן צו אים. ער האָט מיט מיר געקנעלט
דריטהאַלבן יאָר צייט. און מי יודע, ווי לאַנג נאָך
ס'וואָלט געדויערט. נאָר איינמאָל, אינמיטן דער וואָך,
דורך די פענצטער דער זומער יונג און פריש
ווינקט אַריין, און דער רבי זעצט זיך צום טיש

אָנבייסן עסן אין דער פרימאָרגנדיקער שעה,
מאַכט די „המוציא״, און מיט אַן אַ־אַ און אַ בו־ו,
ווי געווײנטלעך, און מיט אַ סודותדיקער שטים.
און איך האָב דאָס אויג נישט אַראָפּגענומען פון אים
און אויסגעפּאָרשט. ס׳איז מיר שרעקלעך ענג געוואָרן אין צימער
דורכן פענצטער האָט געלאָקט דער גאָלדענער זומער.
כ׳האָב געגאַרט צום דרויסן. אין האַרץ האָט געטיאָכקעט אַזוי,
דאָך כ׳האָב געוואַגט. אַ זאָג געטוען הויך און שאַרף: שטרוי!
ווי שיכור געוואָרן פון מיין אייגענעם טאָן
און געזעסן און געוואַרט: וואָס וועט ער טוען,
דער כישוף מאַכער? ס׳איז רעכט, ער זאָגט אַ וואָרט,
און כ׳וועל אויסגערונען, דאָ זיצנדיק אויפן אָרט —
נאָר ער האָט בלויז שאַרף אַ קוק געטוען אויף מיר,
געענדיקט די „המוציא״ געלאַסן ווי פריער,
איינגעטונקען דעם פענעץ־שפּיץ אין מעסטל זאַלץ,
אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן, נאָך שווייגנדיק אַלץ,
און אַ צווייטן ביסן אויך, ביז אַ כזית.
און שאַ און שטיל, גלייך עס וואָלט דאָ גאָר קיין נייעס
נישט געשען. נאָר פּלוצים — און ער גיט אַ צי
זיין דאַרע האַנט און איך דערפיל מיט אַ מאָל אַ ברי
אויף דער לינקער באַק. —

שוין אַ שאָק מיט יאָרן,
נאָר כ׳געדענק נאָך ווי היינט, ווי כ׳בין געלאָפן פון גאָרן,
און ער נאָך מיר, אויפן חזיר־מאַרק אַרום,
דורך יאַטקעס און געשטעלן ביז צו אונדזער הויז.

כ׳בין אַריין אַ פאַרסאַפּעטער און פאַרשלאָסן די טיר,
און ער איז פיל שפּעטער געקומען פון מיר.

מיין טאַטע איז דעמאָלט אין דער היים נישט געווען,
און דער מאַמען האָב איך דערציילט אַלץ, וואָס געשען.
ז׳האָט באַקוקט מיין באַק, וואָס איז רויט געווען ווי אַ צוויק,
אויסגעזידלט די שטרוי און משלח געווען צוריק
אָן מיר. ר׳האָט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן, עפּעס זאָגן,
נאָר די מאַמע האָט נישט געלאָזט. יאָ, מ׳דאַרף שלאָגן —
האָט זי געזאָגט — נאָר מ׳דאַרף וויסן, ווי אַזוי. —
ר׳איז אַוועק פאַרשעמט און איך האָב נאָכגעשריגן: שטרוי!

כ׳בין אַ גליקלעכער אַרומגעגאַנגען יענעם טאָג,
ווייל צוזאַמען מיטן רבין איז נאָך אַ קלאָג,
וואָס האָט שטאַרק מיך געפּייניקט אויף אייביק אַוועק:
די מורא פאַר שדים און פאַר כישוף די שרעק.

נאָך אים קומט יצחק לייבישעס, דער קמצן. מען רעדט:
טעפּ מיט גאָלד און רענדלעך האָט ער שטיין אונטערן בעט,
נאָר ר׳האָט נישט קיין שליטה צו זיי, און זשאַלעוועט ברויט
דעם ווייב און די קינדער, און אַז ערשט נאָך זיין טויט
וועלן זיי אויפלעבן און עסן צו דער זעט. —

זיינע הענט זענען תמיד שוואַרץ, די קאַפּאָטע פּעט.
אויף שבת שמירט ער די שטיוול מיט טראָן,
נאָר קיין אַטלאַסענע קאַפּאָטע טוט ער נישט אָן,

ווייל ער האָט נישט. און כאָטש אַ חסיד פון כמה יאָרן,
איז ער נאָך איינמאָל צום רבין נישט געפאָרן.
קיין כוללות צאָלט ער נישט. און אַז מ׳פרעגט אים אַ מאָל:
היתכן! זיפצט ער: ס׳איז גרינג צו זאָגן צאָל!
און זיפצט איין מאָל און נאָך אַ מאָל... נאָר עס ווייסט דאָך די וועלט,
אַז זיין הערינג-און נאַפט-געוועלב טראָגט אַ מטמון מיט געלט.
אַ ייד אַ דעמב. געדיכט פאַרוואַקסן דאָס פנים, דער קאָפּ.
איך זע אים, ווי היינט, מיטן שוואַרצן פייער-טאָפּ
איןביידע הענט, דעם קורצן ווינטער-טאָג אין געוועלב שטיין.
פאַרנאַכט קומט ער אין „שטיבל" אַריין צו גיין,
גייט צום אויוון צו און שאַרט אַריין מיט די הענט
לעבעדיקע קוילן אין טאָפּ אַריין און צעבלאָזט און דערברענט, —
איצט שטייט ער ביים פענצטער, זאָגט קרבנות מיט כונה.
קעגן אים שווימט אַרויס די האַלב-חודש-לבנה,
און פאַרשפינט, דורך דער עטוואָס פאַרהויכטער שויב,
דעם פאַרשטיינערטן זקן, וואָס איז ווייס ווי אַ טויב,
אין איר זילבערנער נעץ. שטייט ער און פרעפּלט מאָדנע זאַכן,
ווי אַ שטייגער: מ׳פלעגט אַ מאָל קטורת מאַכן.
און דער קטורת האָט געדאַרפן געמאַכט צו זיין:
פון באַלזאַם, ווייררויך, צימרינג, קאַפּריסן-וויין,
זאַפערן און נאָך. און אַלץ געניי, אויף קווינט און ליט.
און האָט מען געקאַרגט אויף איין האָר, איז די שטראָף — טויט...

יעקב יצחק, דער שכן, איז אַריינגעקומען.
אין טונקעלן שלאַפראָק מיט די גרינע בלומען
אויף די פאַלעס-ווינקלען. אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן,

פאַרגעלט, פאַרדאַרט, נאָר די יוגנט האָט אַזוי פיל שפּורן
פון שיינקייט אים געלאָזן אין זיין גאַנץ געשטאַלט:
אינעם שמייכל דעם זאַנפטן, אין חנעוודיקן פאַלד
אַרום די ליפּן, אין די זייד־ברעמען דין פאַרצויגן,
אין די לאַנגע וויעס און דר׳עיקר אין די אויגן.
זייער בליק, אַ סאַמעטענער, קוקט גלעטנדיק אויף דיר
און פרעגט דיך: חוץ דעם געוועלבל מיינס, טיר ביי טיר
מיטן „שטיבל״ — מיינסטו איז שוין גאָרנישט מער דאָ?
שוין גאָרנישט טאַקע, האָ? און טיילמאָל קומט אַ שעה —
כ׳ווייס נישט ווי צו רעדן, כדי דו זאָלסט מיך פאַרשטיין —
די גאַנצע ווייטע וועלט ווערט אַזוי בלוי, אַזוי שיין,
און צי פאַר פרייד, צי פאַר צער, כ׳ווייס נישט, פאַרוואָס יעך וויין,
אַ שעה אַזאַ, נו, אַזאַ שעה... פאַרשטייסט שוין, צי ניין?

כ׳דערמאָן מיך: כ׳האָב אים אָפט אַ שטומען געזען שטיין
ביים אויוון, צי ערגעץ־ווו ביי איינער פון די ווענט,
מיט אויגן ברייט־צעעפנטע, דער בליק געווענדט
ערגעץ אויף אַ פונקט. די דינע ליפּן צוגעשלאָסן,
און אויפן גאַנצן פּנים ליגט אויסגעגאָסן
אַ פאַרטראַכטקייט אַזאַ. און טאָמער דערבליקט אים ווער,
און יעקב יצחק באַמערקט עס, גיט ער זיך פלוצים אַ קער
צום פלפולדיקן ספר, וואָס ליגט אויפגעמאַכט
לעבן אים — און ווייזט יעדן, אַז ר׳איז פאַרטראַכט
און פאַרמוחט אין לערנען ווי אַלע דאָ אַרום...
נאָר נאָך אַ ווײַלע און דער בליק פאַרהאַלט זיך — שטום,

גרוים צעעפנט — אין רוים־זוו, ווי עפּעס וואָלט געשעען,
וואָס אַלע זעען נישט, נאָר ער איינער האָט דערזען.

ר׳איז גאַנץ געווען אין זיין אמונה ווי אַ קינד.

כ׳געדענק אַ תמוז־טאָג, ס׳איז היים געווען, נאָר אַ ווינט
האָט פלוצים דעם שטויב גענומען דרייען. די זון, אין שרעק
און אין ציטער פאַר איר אויג דעם גאָלדענעם, איז אַוועק
אין די הימלען אַריין און פאַרצויגן זיי מיט אַ דעק
פון וואָלקנס, אַרויסקוקנדיק פון צייט צו צייט,
פאַרמרוזשנדיק דאָס אויג. נאָר דער ווינט, פאַרשייט,
אַ יונג אַ לאָבוז, האָט איר אַ שיט געטוען אַרויף
קנוילן שטויב מיט א באַ! און אורא! און אַ שרויף
די לופט מיט אַ פייף פון שפּאַט: אר־אַ־אַ! און אר־אר־או!
און די זון — ווער ען, משטיינס געזאָגט, וועט זי גיין דאָ
זיך קעגנשטעלן? האָט געעפנט די גאָלדענע טיר,
אַוועק. נאָר דער הימל האָט זיך אָנגענומען פאַר איר,
און אַראָפּהענגענדיק איבער דער ערד גרוי און שווער
ווי אַ בייזער, צעקודלטער, צעפּאַטלטער בער,
האָט ער פלוצים אַ ברום געטוען אַזוי רוי און טויב,
אָן אַ שום איינזען. אַ ווײַלע לייגט זיך דער שטויב,
פון דונער דערשראָקן. נאָר ס׳געדויערט נישט לאַנג
און ער גיט זיך אַ וואָרף, ווי אַ געלער שלאַנג,
אין דער הויך אַרויף מיט געציש און געפייף,
און ער טראָגט זיך אין חלל דעם צעווירבלטן שטייף,
טראָציק די הימלען אַקעגן. צעטרייסלט דעם יסוד

פון דער ערד. דעם קעגנאיבערדיקן פלויט
גיט ער אַ ריס פון זיין אָרט ווי אַ לייכטן באַל.
אַ הייב דעם שינדל-דאַך פון אַ הויז. אַ צעפּראַל
אַ פענצטער ערגעץ מיט געבראַזג. רייסט-אויס אַ בוים
און אַ צווייטן מיטן וואָרצל און טראָגט זיך אין רוים
געפליגלט, צעווינטיקט און צעפּאַכעט אין שלאַכט. —
נאָר פלוצים — דער הימל האָט זיך דראָענדיק צעקראַכט,
דעם ווינט איבערהילכנדיק. אַ פּאַך מיט אַ בליץ
ווי מיט אַ פייערדיקער בייטש, אַ פירכטלעכן קריץ
מיט די ציין און ווידער אַ פּאַך און אַ הוק פון פאַרדראָס.
אַ רגע איז שטיל. נאָר מיט אַ מאָל אַ שפּריץ, אַ גאָס.
מיליאָנען שפּיזן קרומע טוען האַסטיק זיך אַ לאָז
אויפן נאָפּל פון דער ערד. וואַסערן לויפן
ברומענדיק די ברייטע ראָוועס אַריבער, און שרויפן
מיט די ווייסע גזשיוועס אין די הייזלעך זיך איין;
און מיט אַ בייזן גערויש אין די ראָוועס אַריין,
איינע אויף דער אַנדערער פאַלן זיי צוריק;
איילן מיט שטורעם און געליאַרעם צו דער בריק,
און וואַרפן זיך אַרונטער מיט ווילדן געשריי.

די בלאַסע „שטיבל”-בחורים — און צווישן זיי
יעקב יצחק — שטייען ווי צוגעשמידט און ערנסט שטיל,
מיט אויגן פאַרריסענע קוקן זיי אויף דעם שפּיל.
אָט שפּרינגט דער בליץ אַרום און מיט אים צוזאַמען,
אָט-דאָ, דאַכט זיך, דאָ, קראַכט דער דונער, און רויטע פלאַמען
צינדן דאָס „שטיבל”. אַלץ האָט אַ ציטער געטוען.

נאָר יעקב יצחק צעשמייכלט זיך ליב און רופט זיך אָן:
„אוי, טאַטע מיינער, טאַטע, ס׳איז שוין אפשר די צייט?"
און מיר, בחורים, ווייסן, וואָס דער זאָג באַטייט,
און פילן דעם ערנסט פון דער גרויסער מינוט,
און פילן דעם הייליקסטן צאַפּל אין בלוט. —
(איך טראָג נאָך ביז היינט יענעם ציטער אין זיך
און כ׳הער נאָך די דעמאָלדיקע טריט פון משיח.)

און שפּעטער, ווען דער שטורעם איז פאַרבייגעצויגן,
און די וועלט, צעשמייכלט, מיט טרערן אין די אויגן,
זוינקט אַזוי מילד אַרום זיך, ליכטיק און שטיל צעקוועלט,
שיין, אַ ברכה צו מאַכן — קוקט ער זי אָן, אָט די וועלט
מיט זיינע גרויסע טרויעריקע אויגן. עפּעס וואָס פעלט,
דאַכט זיך אים, דאָ, און ס׳איז מקויים נישט געוואָרן
זיין חלום. שאַ נאַר! צי בלאָזט נישט דער גאָלדענער האָרן
אין דער זילבערנער לופט? זע נאַר! צי שפּאַלט זיך נישט די ערד
און זיין אויסגעטרוימטער האַר, אויפן ווייסן פערד,
קומט ער נישט פון יענעם וואַלדיקן, בלוי-באַהויכטן ראַנד
מיט דער גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ, מיט דער שווערד אין האַנט?
עמעץ גייט, עמעץ קומט, עפּעס טראָגט ער אויך מיט,
יעקב יצחק גלייכט אוים די וואָג. — „וויפל געבן, רב ייד?"
און ווען ער וועגט דעם נאַפּט אויף דער שמוציקער שאָל,
פאַרבלאָנדזשעט זיך אין זיין געמיט ווידער אַ מאָל
אַ יונגער חלום, וואָס שמעקט מיט וואַלד און מיט טאָל,
מיט צעשטראַלטן באַגינענגאָלד, מיט שטערן-פרייד,
און מיט דעם פרישן, בלויען הויך פון אייביקייט.

ס׳ווערט גרעסער און גרעסער אין „שטיבל״ די עדה.
אַט איז דער געלער און שוואַרצער מענדל, שוואָגערס ביידע.
דער עלטערער, דער געלער, איז תמיד אין דער פרעמד,
אַ שרייבער אין וועלדער. די באָרד אַ גלייכע און צעקעמט
אין דער ברייט אַריין. אַ ריינער, ציכטיקער ייד.
אַ העפּטיקער אַ ביסל, דאָך ברענגט ער מיט זיך מיט
היימלעכקייט און שמחה. דער עולם זעט אים גערן,
און זען ווי זען, דר׳עיקר האָט מען ליב אים צו הערן,
ווייל דער הימל האָט אים געשאָנקען אַזאַ זים קול,
אַז ווען דו הערסט אים זינגען, פאַרגעסטו דיין עול,
ווי שווער ער זאָל נישט זיין. ווערסט לייכט און העל אַזוי,
גלייך דיין לעבן וואָלט געווען אַ פּערעלע טוי,
וואָס זילבערט אין פרימאָרגן דער זון אַקעגן,
צי גאָר, לאָמיר זאָגן, אַזאַ פרילינגס־רעגן,
וואָס רוישט אַזוי זים איבער באַרג און איבער טאָל
ווי אַ וועלט מיט קינדער וואָלט געזייגט מיט אַ מאָל. —
ער פאַרבעט דעם עולם, ווען ער קומט צו פאָרן.
אַ וועלטלעכער מענטש, פלעגט ער צוריק נאָך מיט יאָרן
אַ קאָלנער טראָגן. (אונטערוועגנס, פאַרשטייט זיך.)
און טיילמאָל אַ מאַרינאַרקע. אָבער אַזוי גיך
ווי ר׳איז אַהיימגעקומען, האָט ער אויסגעטועט אַלץ,
די מאַרינאַרקע, דעם שניפּס און דעם „כאָמעט״ פון האַלדז —
דעם גאַנצן „דייטש״, און אַריין אין חסידישן טראַכט.
אָבער זיין מלבוש, אויך דאָס לאַנגע, איז אַזוי געמאַכט,
אַז עס שמעקט אַראָפּ פון אים אַלץ, וואָס ער גייט.

דער שוואַרצער מענדל איז פּונקט ווי איבערגעדרייט
פון דעם געלן מענדל, דער היפך ווי ער:
שטענדיק מרוקנדיק, אַנגעכמורעט און זייער שווער.
אַ שאַרפער חסיד און ער האַלט פון זיך אַ סך,
ער לאָזט קיינעם צום וואָרט נישט קומען. „אַזוי זאָג יאָך" —
גלייך דער „יאָך" וואָלט געווען אַ פּריץ, צי אַ גראַף.
נאָר אויב אַלע שאָקלען צו, איז דער געלער מענדל — לאַוו.
אדרבא: אַזוי גיך ווי דער שוואַרצער הייבט אָן
צו זאָגן עפּעס, דערציילן מיט זיין זיכערן טאָן,
וואַרפט דער געלער אַ ווערטל אַריין, אַזוי פון דער זייט,
און דער עולם צעלאַכט זיך פאַר דער גאַנצער צייט.
און כאָטש דער געלער קומט זעלטן אַ היים, איז בלויז נאָר גאַסט,
איז אָבער דער שוואַרצער שוין פון לאַנג אים פאַרהאַסט,
פון דער קעסט-צייט נאָך. און איינמאָל אַ יום-טוב פאַרנאַכט
האָט אין שטיבל אַ גרויסע בהלה זיך געמאַכט
צוליב דיביידע שוואָגערס. אַ געדראַנג. אַ געשריי.
ס'איז פּלוצים אַ מחלוקה אויסגעבראָכן צווישן זיי.
האָט דער געלער אַ באַנק אַ כאַפּ געטוען מיט כוח,
אַ הויב געטוען און געפּאַכעט אין דער הויך
איבערן שטריימלדיקן וואַלד ווי אַ הפקר-ווינט.
דער געלער האָט געשטורעמט: „אַזאַ פרעמדער הינט!"
אַ סקערניעוויצער חסיד, האָט ער געמיינט צו זאָגן...
ווייניק אין צאָל, האָבן זיי נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן
צו אַן אייגן שטיקל „שטיבל", נאָר צעוואָרפן נע-ונד,
אין די שטיבלעך, אין בית-המדרש. און ס'וואָלט גאָרנישט געשאַדט.
ווען? ווען דו גייסט דיר דיין וועגס און מישסט זיך נישט
אין קיין זאַך.

אָבער דעם שוואַרצנס חוצפה דאָ, דער „אַזוי זאָג יאָך"
ביי אונדז אין דעם צאַלרייכן אַלעקסאַנדרער שטיבל!
כ׳מוז מודה זיין: איך אַליין פלעג האָבן פאַריבל,
וואָס מען שווייגט אים... און כ׳בין זיכער קיין יחיד נישט געווען.
אין יענעם יום-טוב ביינאַכט, ווען דאָס איז געשען,
ווען דער געלער האָט אַ כאַפּ געטוען די באַנק פון דער ערד,
האָב איך געטראַכט אַזוי: ווערט, לעולם, איז ער דאָס ווערט,
נאָר פונדעסטוועגן — שלאָגן?! כ׳האָב געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן,
און אין זין געהאַט, קוקנדיק צום שוואַרצן אויבנאָן:
דער געלער וועט נישט ממיתן, נאָר תשובה זאָלסטו טוען!

נאָך מנחה האָט דער עולם אין רעדלעך זיך צעשטעלט.
עמעץ דערציילט נייעס פון דער גרויסער וועלט,
און עמעצנס זון האָט פון ארץ-ישראל געשיקט
אַן אתרוג מיט אַ בריוו, וואָס האָט ממש דערקוויקט:
ער אַרבעט, ברוך השם, און דאָס לאַנד איז אים ליב.
זיין איינציקע זאָרג — שרייבט ער — איז, וואָס ער בענקט
נאָך דער שטוב,
נאָך די ברידער אין אויסלאַנד, דעם טאַטן און דער מאַמען.
און ווען גאָט העלפט אים — שרייבט ער — ער זאָל זיי צוזאַמען
אַהיננעמען, איז — האָ! האָ! האָ!

און אַן אַנדערער זון
שרייבט פון פּערו: „נעמען אייך, ליבע עלטערן, אַהין,
ווו איך בין פאַרוואָרפן, איז גאַרנישט קיין צוועק.
דאָס לאַנד איז גרויס — שרייבט ער — די שטאָט שיין,
נאָר פאַרט אַ העק.

מען פאַרדינט ווי עס איז — אָבער דאָס איז דען דאָס לעבן?
און מיין שטרעבן איז — כהאי לישנא שרייבט ער — מיין שטרעבן
איז פּטור צו ווערן דאָס לאַנד אויף אַ גוטן אופן.
און זאָג זיי — שרייבט ער — אַז איידער זיי לויפן,
זאָלן זיי באַטראַכטן גוט, ווייל געלט איז פאַרט נישט אַלץ.
אָפּט דאַכט זיך מיר: אין דער היים אַ שטיקעלע ברויט מיט זאַלץ,
איז בעסער ווי קאַפּהענער דאָ, מעבר לים".
און מאַלע וואָס נאָך. און עץ געדענקט דאָך, מן הסתם,
מיין בערלען — אַ קאָזאַק, האַ? אַ „יאַ טעביע דאַם",
און זעט עץ דאָך. יעדע „לאָבזע" איז אים אַ שאָד.
„ס'איז מיר טייער — שרייבט ער — דער ברונעם מיטן ראָד
וואָס שטייט דאָרט אין מאַרק, נישט ווייט פון אייער טיר".

— נו, אויב אַזוי, יידן, בין איך דאָך אַ ייד אַ גביר —
זאָגט פיניעלע תמעוואַטע. — כ'בין נישט ווערט דאָס גענאָד.
כ'האָב, ברוך השם, צוויי ברונעמס: איינע מיט אַ ראָד,
די אין מאַרק, די צווייטע מיט אַ קליטשקע ביים גלחס סאָד. —

דער עולם צעלאַכט זיך און דעם בריוו-לייענער פּאַרדריסט
און ער שרייט צו פיניעלען: אָווא, אַ חכם דו ביסט!
ווייל דו האַלטסט דיך אין ווייבס פאַרטעך?! אָבער גיב נאָר אַ פּרוּו:
אַזאַ פאָר טוען ווי ער, ווּעט מען זען דיינע בריוו.
וואָס ווּעסט שרייבן פון דאָרט. — נאָר דאָס רעדן איז בחינם.
ווייל אויב אַ מענטש שרייבט, אַז ער בענקט נאָך אַ ברונעם,
זאָל אים קיינער נישט פּרוּוון רעכטפאַרטיקן דערפאַר,
סיידן — אויב ס'וויל זיך ווער אויסשטעלן פאַר אַ נאַר...

אונטערן „הודו", וואָס הענגט אויף דער דרומדיקער וואַנט,
דערציילט חיים דוד וועגן רשעותדיקן לאַנד.
וועגן דעם, ווי מען יאָגט דאָרט און מען פּייניקט דעם ייד.
ער לייענט אין די גאַזעטן און איז זייער געניט
אין אַלע נייעסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט;
און דער עולם, אַלע ווי איינער, האָט אויפגעשטעלט
מויל און אויערן און גרייט זיך צו הערן און הערן.

נאָר זיינוועלע גיט אַ קוק אין פענצטער: דריי שטערן,
ווי אַ גאָלדענער סגל, פינקלט פון דער ווייט.
און זיינוועלע זאָגט: גענוג, יידן. שוין צייט
מעריב צו דאַווענען, מען מעג שוין על פּי דין.

צעוויקלט זיך דער עולם, דער אַהער, דער אַהין,
און איז זיך מכין צו דער תפילה, ווייל ס'האָט נישט קיין זין
די ערשטע נאַכט סוכות זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס.
געלויבט איז דער אייבערשטער: אין דרויסן איז נישט מיאוס.
דערווייל — נאָר ווער קאָן וויסן, וואָס שפּעטער וועט זיין.
איז טאַקע גלייכער, וואָס פריער אַ היים צו גיין
און „אַריינכאַפּן אַ סוכה", כל זמן ס'איז שיין.

און נאָך מעריב, ווען, ווי דער שטייגער, גייט אַ ייד
צום צווייטן צו און פריילעך, הויך גוט יום־טוב ביט,
אַזש די לופט ווערט פול מיט רחבותדיקע שטימען —
איז דער נגיד צו רב פּנחסן צוגעקומען,
שטיין געבליבן אַ ווײַלע, נישט רעדנדיק אַ וואָרט.
דאָס ראָכע, שוואַרצע שטריימל, מיט זילבער־האָר דאָ און דאָרט,

אויפן קאָפּ, האָט אָן פּנחסעס געלע שטריימל, אָן האָר,
זיך אָנגעריררט. — קום צו גיין מאָרגן, ווי אַלע יאָר,
אתרוג בענטשן — האָט דער נגיד געזאָגט צום סוף.
נאָר רב פּנחס האָט געלאָזן געענטפערט דערויף:
„אַ יישר כוח דיר. כ׳האָב ברוך השם מיינעם".
און דער נגיד, אַ קוק טוענדיק אויפן „מענטש" זיינעם:
„לאָז דיר גאָט העלפן איבער אַ יאָר נאָך מיין.
נאָר פונדעסטוועגן — קום־זשע גלאַט אַזוי אַריין צו גיין".
„מעמיר זען, אפשר" — זאָגט פּנחס — און ווי גוטן וויין
דעם טעם פון פרייקייט דערפילט, פון נישט אָפּהענגיק זיין.

נאָר די גוטע שטעל ביים גראָבן קאָמיסיאָנער
האָט לאַנג נישט געדויערט. ווייל וואָס אַ מאָל מער
איז ישראל אין גרעסערע חובות פאַרזונקען.
אין דער שענק אַליין, פאַר פרעסן און פאַר טרינקען,
איז שטיין געבליבן אַ חוב פון זעכצן הונדערט זלאָט.
און דער שענקער, רב וואָלף, וואָס האָט תמיד מיט גאָט
גערעדט, אַ פרומער (אין די שטיבלעך אויפן גאָרן
זענען די ביליקע סאָפּקעלעך פאַר די פאָרן
איבערגעצויגן געווען נישט איבריק ריין,
נאָר מיט לויטער־כשרער לייוונט... מיט שעטנז — דאָס ניין),
איז ווען דער פרומער רב וואָלף האָט גענומען דערמאָנען,
אַז ס׳איז נישט הפקר אַ וועלט, ס׳איז אַ גאָט פאַראַנען
און אַזוי ווייטער — האָט ישראל גענומען,
אונטערגעשריבן בלאַנקן אויף קיילעכדיקע סומען,
און ווייטער צו רב וועלוולען טרינקען געקומען.

און שפּעטער האָבן שוסטערס קיין סחורה נישט געגעבן,
און געלט האָט מען געדאַרפט אַזוי ווי דאָס לעבן,
און דער שענקער האָט געמאָנט פאַר טרינקען און פרעסן —
האָט ישראל צוויי קאַסטנס געשיקט אין די „קרעסן".
נאָר ר'האָט פּנחסן פאַרן פּאַקן אָפּגעשיקט פריער.
און ווען ר'איז צוריקגעקומען, האָט ער זיי אויף דער פור
ליגן געזען און זיך פאַרוואונדערט: פאַרוואָס אַזוי גיך?
און פאַרוואָס האָט מען פריער נישט פאַרשריבן אין בוך?
נאָר גאָרנישט. — מיט אַ מאָל האָט ישראל באַקומען געלט.
ווייל אַ נאָכנאָמע, ווי איר ווייסט, איז דאָך קראַנט ווי די וועלט,
און ווי גיך מ'האָט די קאַסטנס צו דער סטאַציע געפירט,
האָט דער פּראָצענטניק, פאַר אַ גוטן פרייז דיסקאָנטירט
און ישראל — מאַיעסטעטיש אין שענק אַריין שפּאַצירט.

און דערנאָך איז געקומען רב יחזקאל פון לוקאַטש,
ישראלן צום רב געשלעפּט: היתכן? און: סטייטש!
נאָר אַ מעשה זיך אָנצוטוען, צו שרייען געוואַלט —
אין די קאַסטנס איז געלעגן אַ גאַנצער וואַלד
מיט שפּענער און אַ שפּאָר ביסל שטיינער אין דער מיט.

אין יענעם טאָג האָט רב פּנחס, דער ערלעכער ייד,
מיט אַ מאָל אַזוי עלנט, פאַרלאָזט זיך דערשפּירט.
און שטוב האָט קיינער נישט געוווסט, וואָס ס'האָט פּאַסירט.
מ'האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף אים, עטוואָס דערשראָקן,
רב פּנחס איז אַרומגעגאַנגען שטיל, ווי אין זאָקן,
קיין וואָרט נישט רעדנדיק, אַראָפּגעלאָזט די ברעמען,

ווי ער וואָלט אָפּגעטוען עפּעס, וואָס מען דאַרף זיך שעמען,
און קוים וואָס ר׳האָט אַרויסגערעדט: כ׳האָב פאַרלוירן די שטעל.

און דעמאָלט האָט אַ זאָג געטוען זיין זון, דער געזעל:
„האָסט ווען עקספּלאָאַטירט, וואָס דו שעמסט דיך אַזוי?
זאָל זיך שעמען דער באַלעבאָס דיינער, דער בורזשוי!״
„הער שוין אויף מיט דיין פּזמון, טו מיר די טובה,
— זאָגט פּנחס — נישט קיין בורזשוי, נאָר אַ זולל וסובא!
ר׳האָט געהאַט אַ פּרנסה — אַ ברויט מיט אַ מעסער,
איצט האָט ער נישט אויף קיין הוצאות, דער פרעסער.
נעם דיר אָפּ אַ מוסר, זע: אַז דער שטן גיט אַ נעם
איינעם אין זיין לאַפּע אַריין, האַלט ער אים אין קלעם.
אַלץ ווייל מ׳איז פּורק עול און מ׳גייט נאָך די פאַנטאַזיע...״

נאָר דער זון האָט אַלץ געטענהט, אַז די בורזשואַזיע
און נישט די פאַנטאַזיע איז שולדיק אין דעם שלעכטס.

האָט רב פּנחס איבערגעהאַקט, אַ שווער טיפן קרעכץ
געטוען און געזאָגט: „כ׳וואָלט מיך נישט געשפּאַרט מיט דיר,
ווען ס׳איז די רייד פון אברהם יצחקן, דעם גביר,
נאָר ישראל — גלייב מיר, ס׳איז אַ רחמנות מיר
אויף אים; כאַטש אַ מויל אַ גרינגס און אַ גראָבער בויך,
אַ פרעסער, אַ שווינדלער — נאָר אַ גוטער אין תוך.״

און דער זון האָט געזאָגט: „כ׳גיב דיר נאָך אין דעם פאַל.
כ׳זע דאָך אין אַלגעמיין האָסטו פיינט דעם קאַפּיטאַל —
ישראל איז אַ קליינבירגער און נישט קיין בורזשואַ״.

„אוי, מיין ליב קינד, ביסט עפּעס אַ נאַרעלע אַזאַ —
האָט פּנחס איבערגעריסן. — עס גייט דיר אין לעבן
ישׂראלן אַ נייעם נאָמען איצט צו געבן?!
קליינער בירגער, גרויסער בירגער, ס'איז אים איינעגאַל,
איצט, האָב איך מורא, ווערט ער בירגער אין קרימינאַל,
ווייל ר'האָט אָפּגעטוען אַ זאַך, וואָס איז זייער מיאוס.
נאָר בכלל האָסט אין גאַנצן מיך אַראָפּגעפירט פון שמועס.
כ'האָב געוואָלט מיט דיר רעדן, אַזוי ווי מיט אַ קינד,
אַז אויב מ'האָט זיך דורכגעשלאָגן ווי ס'איז ביז אַצינד,
איז איצטער, איצטער" — די טרערן האָבן אים געשטיקט,
האָט ער אָפּגעהאַקט, אויף די שפּיצן פינגער געקוקט,
מיט אַ קרעכץ דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אין שטומען וויי.
נאָר דער זון האָט אויסגערעדט: „פאַראַן אַ גאַנצע אַרמיי
פון אַרבעטסלאָזע, מיליאָנען, טאַטע. פאַרשטיי,
ביסטו אויך אַן אַרבעטסלאָזער, איינער פון זיי".

נאָר רב פּנחסעס בליק מיט פאַרוווּרף און עטוואָס בייז
האָט שטום גערעדט צו אים: „גלייב מיר, קינד מיינס, אַז יעך ווייס
שוין אַ גוטע יאָר פּופּציק ווי אַזוי יעך הייס,
אַט דער נאָמען וועט שוין בלייבן מסתם ביז צום גרוב".

און דער זון האָט פלוצים געזאָגט: „זאָרג נישט, טאַטע, די שטוב
וועט נישט הונגערן דערווייל, כל זמן כ'וועל פאַרדינען,
ס'זענען דאָ שטובן, וווּ ס'איז ערגער פון הינען
זאָרג נישט". — און וואָרעמקייט איז געווען אין זיין שטים.
דעמאָלט האָט רב פּנחס אַ קוק געטוען אויף אים:

„אַט־אַ־דאָס! ס׳איז דאָס בעסטע פון אַלץ, וואָס דו ווייסט.
דאָס אומגליק זוכט נישט קיין נעמען, קינד מיינס, טרייסט
זוכט עס, טרייסט״.

און פונדעסטוועגן וועלן פּנחסעס קינדער נישט גיין
אין זיין וועג, אָ ניין. יענער „פּסולער״ פּאַריין,
דער טרייפנסטער אין שטאָט, דער, וואָס ווען ער גייט אים פאַרביי,
שאַלן לידער אַרוים אַזוי הפקרדיק פריי,
אַז אַ ציטער גייט דורך בלויז דערהערנדיק זיי,
איז רייכער געוואָרן מיט זיינע קינדער צוויי.
און פּנחס, צי פאַר חרפּה, וואָס ער שפּייזט זיי נישט צו זעט,
צי דעריבער, וואָס ער ווייסט, אַז זיין מוסר וועט
סיי ווי נישט העלפן — געזנוג, אַז ר׳האָט גאַרנישט גערעדט,
פאַר אַ שטראָף עס אַנגענומען און ממילא פאַר ליב.
ר׳איז צוגעלייגט געוואָרן אַזוי לעצטנס אין שטוב,
אַז ווען אַ קינד האָט שבת פאַרן, צי נאָכן עסן
צו וואַשן זיך, אָדער צו בענטשן נישט פאַרגעסן,
כאָטש מען טוט עס, קאָן זיין, בלויז צוליב דעם טאַטן, דעם נאַר,
ער ווייסט נישט — האָט ער דאָך מיט די אויגן געדאַנקט דערפאַר,
דאָס זאַלץ־מעסטל אַ כאַפּ געטוען, גיך אים צוצוריקן,
גלייך אָן דעם וואָלט דער תכשיט מיט דער לאַכמע זיך שטיקן,
אָדער, חס ושלום, דאָס עסן נישט פאַרדייען —
נאָר רב פּנחס פלעגט דערביי קינדיש זיך פרייען,
איינרעדן אַזוי געוואָלט זיין לויטער געמיט:
עס טראָגט נאָך זיין קינד אין זיך דאָס פּינטעלע ייד,
און נאָכן מים־אחרונים מילד געזאָגט: נו־אַ־נו,

ס'הייסט: יעך טרעט דיר אָפּ דעם כבוד מיינעם, בענטש דו.
און ווען דער תכשיט האָט אַ זאָג געטוען: „הערט צו,
רבותי, מיר וועלן בענטשן" — מיט ביטול אין דער שטים —
האָט רב פּנחס דעם ביטול נישט געהערט און געענטפערט אים:
„זאָל אויף אייביק געלויבט זיין דער נאָמען פון גאָט".
און דאָס תכשיטל צוריק, מיט פאַרבאָרגענעם שפּאָט,
מיט אַ ווינק צום ברודער אין קעגנאיבערדיקער זייט:
„מיט דערלויבעניש פון די האַרן און די גרויסע לייט
„לאָמיר לויבן דעם, וואָס האָט דאָס עסן אונדז געגעבן".
און פּנחס ענטפערט: „דעם, וואָס אין זיין חסד מיר לעבן".
ער פאַרשעמט זיך, ס'קומט אים פאַרשידנס אויפן געדאַנק:
אַז די קינדער, אייגנטלעך, קומט דאָך אויך אַ דאַנק,
וואָס זיי גיבן די פּאָר גראָשן צו קויפן דאָס ברויט.
ווייל אָן דעם וואָלט דער קרעמער נישט געגעבן קיין לויט,
און ס'וואָלט אויסגעקומען, חס ושלום, ממש צו אַנטגיין;
אויך, אַז זיי רעדן נישט אוים, חס ושלום, אַ ניין,
און אַז כאָטש זיי קומען אין פּסולן פאַראיין,
האַנדלען זיי פּאַרט ווי צדיקים און זייער שיין.

דאָך פאַרשטייט ער נישט די קינדער, כאָטש ער וויל פאַרשטיין
און ער פאָרשט און זוכט ביי יעדער געלעגנהייט
דעם אינהאַלט פון זייער לעבן, דעם פונק פון פרייד,
וואָס פלעגט לייכטן און זינגען צוריק מיט יאָרן
אין זיין געמיט, און איז היינט נאָך פאַרשטומט נישט געוואָרן,
און פינקלט נאָך איצט אין זיין לעבן דעם שווערן
אַזוי לויטער, מילד און יונג, ווי דער מאָרגנשטערן,

וואָס גייט-אויף פון אייביק אָן און איז אַלץ נאָך ניי.
עס גיט אַ לייכט אַזוי פּלוצים און דער גאַנצער וויי,
די לאַסט פון דעם לעבן, ווערט הייליק מיט אַ מאָל
און ס׳ווערט לייכטער דער וועג אין דעם יאָמערדיקן טאָל,
יענער וועג, וואָס פירט דיך באַרג-אַראָפּ, באַרג-אַרויף,
ציי דו ווילסט, אָדער נישט און פאַרפירט סוף כל סוף
דאָרט אַהין, דאָרט אַהין, הינטער דער שטומער וואַנט —
זענען אַלע דאָך אורחים בלויז אין לעבעדיקן לאַנד! —
מוז דאָך זיין עפּעס אַ פונק, וואָס זאָל דעם חושך צינען!
פּנחס וויל אָט דעם פונק אויך ביי די קינדער געפינען,
פאָרשט ער זיי און זוכט ביי יעדער געלעגנהייט,
הערט ער זיך צו אָפטערס צו זייערע מאָדנע רייד,
און פּרוווט זיי, כאָטש זיי קלינגען אַזוי פרעמד, אַזוי ניי.
אַריינצונעמען אין זיך און אַריינצוגיין אין זיי.

און ביי טאָג, איידער ס׳זענען געקומען זיינע זין
צו מיטאָג, פלעגט פּנחס, וואָס איז אויפגעשטאַנען באַגין.
זיך צולענען און אַ דרימל כאַפּן אַ שעה, צוויי.
ווייל ר׳האָט קיין מיטאָג נישט געגעסן אַזוי ווי זיי,
נאָר „וויעטשערע״, ערשט נאָך מעריב. — האָט זיך איינמאָל געמאַכט,
אַז פּנחס, כאָטש ר׳האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט,
איז ער פאָרט נישט געשלאָפן; און ליגנדיק אויסגעדרייט
מיטן פּנים צו דער שטוב, די באָרד אויסגעשפּרייט
איבערן גרויסן טלית-קטן — האָט ער שטילערהייט
אויסגעהערט אַלץ, וואָס ס׳טוט זיך אין שטוב און די קינדערס רייד.

דורך אַן אויג־שפּעלטעלע זעט ער: דער טיש איז געגרייט.
אויפן טישטעך — ברויט, אַ מעסער, לעפל, אַ מעסטעלע זאַלץ;
אין ווינקל — אַן עמער, אַ קוואַרט, מיט איין וואָרט — אַלץ
ווי אין אַ יידישער שטוב. פּנחס הערט זיך איין,
וויל הערן דעם גאַס פון וואַסער אין דער שיסל אַריין —
הערט ער נישט. קיין מוציא — אויך נישט. דאָס, וואָס ער
הערט יאָ איצט,
איז דער שניט פון מעסער־שאַרף אין פרישן ברויט, אַזש עס קריצט.
אַ קריץ, אַ ריס, אַ ביס, אַ קיי. און גיך, גיך, מען יאָגט זיך.
און רב פּנחסן דאַכט זיך, ווי דאָס ברויט קלאָגט זיך:
זעטס כאַטש, זעטס כאַטש! באַפאַלן מיט אַ מעסער אין רוקן
ווי גויים־גזלנים און כ׳שטאַרב אָן אַ תיקון!

פּנחסן גיט עס אַ ברי. ער וואָלט זיי אויסגעשטראָפט,
די פּושעים. נאָר עס דאַרף דאָך הייסן, אַז ער שלאָפט,
שווייגט ער, שלאָפט כלומרשט ווייטער און נעמט אַלץ פאַר ליב.

און אָט ווערט פול מיט אַזאַ טייערן ריח די שטוב.
דאָס דערלאַנגט מען קאַרטאָפל מיט פערפל, גערייִשטע,
און פון די טיפע טעלערס, מיט גאָלד געליִישטע,
זעצט אַ פּאַרע ווי אין באָד. שטיל. אַ רענדל פאַר אַ רעד,
נאָר די לעפל קלינגען און לויפן ווי אויף אַ געוועט.
פון דער ליפּ צום טעלער, פון טעלער צו דער ליפּ.
אַ בלאָז, אַ כאַפּ צום מויל, נאָך אַ בלאָז, אַ צי, אַ זיפּ
און ווידער צום טעלער. הין און צוריק. מען ווערט נישט מיד.
פּנחס הערט און דרינגט אַרויס, אַז וואָס שייך אַפּעטיט,

האָבן זיי, די בנים, קיין שום בייז אויג — נאָך אַ מין!
און נישט ווילנדיקערהייט קומט אים אויפֿן זין,
אַז אַקוראַט אַזוי, גראָד אויף אַזאַ אופֿן,
איז דער רויטער פֿעטער עשו, נאָכן פֿאַרקויפֿן
די בכורה צו יעקבֿן פֿאַר לינזן אַ טאָפּ,
געזעסן און געכמאַליעט. דער גוישער קאָפּ.
ער וויל זיי אַ זאָג טוען: צ׳זענט גראָטן אין פֿעטער.
נאָר ס׳דאַרף דאָך הייסן, אַז ער שלאָפֿט אַצינד, וועט ער
ווייטער ליגן, כלומרשט שלאָפֿן און הערן געַנוי.

צום פּרעס נעמט אַ סוף. אַ לעפֿל גיט אַ קלינג אין דנוי
פֿון אַ טעלער, נאָך אַ קלינג, נאָך און בלייבט ליגן.
ביסלעכווייז ווערן אַלע לעפֿל אַנטשוויגן. —
דאָס ווייב פֿרימעט קומט אַריין, נעמט די טעלערס אַראָפּ פֿלינק
און זאָגט צו די בנים: וואַרטס, בענטשטס נישט. כ׳האָב נאָך לונג
פֿאַר אייערטוועגן. — גוט — גיט אַ זאָג דער עלטסטער יונג. —
כ׳וואַרט טאַקע מיטן בענטשן... און פּנחס כאַפּט די אויגן
האַלט ער צו, זעט ער, ווי דער תנא האָט פֿאַרצויגן
אַ טרייפֿן געלעכטערל אויפֿן פּרצוף אַרויף.

און ר׳האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט. ווייל באַלד דערויף
רופֿט זיך אָן צום עלטערן גוי דער יינגערער אַזוי:
„מעגסט לאַכן, נאָר וואָס שייך בענטשן, ווייס איך נישט גענוי,
צי מען דאַרף נישט. פֿאַרשטייסט מיך? נישט אין פֿרומקייט גייט —
כ׳בין פֿרום אַזוי ווי דו — ס׳גייט אָבער אין מענטשלעכקייט.
אויב עמעץ טוט דיר אַ טובה, דאַנקסטו אים, צי ניין?

ניִשט קיין חילוק ווער, אמת? און אויב דאָס איז גאָט אַליין,
וואָס גיט ברויט, קאַרטאָפל — וואָס איז ער ערגער פון אַ מענטש?
איז צוליב מענטשלעכקייט דאַרף מען, אפשר, טוען אַ בענטש,
אַ דאַנק, מיין איך, זאָגן אים. פאַרשטייסט, וואָס איך מיין?"

„האַ־אַלט!—שרייט דער עלטערער—ביים קעסטל־אָוונט אין פאַראיין
איז אַריינגעפלאָסן גראָד אַזאַ פראַגע, אַקוראַט.
האָט גענומען אַ וואָרט לייבעלע פרעסערס יאַט:
„— אויב — זאָגט ער — יעד בין הונגעריק און כ'עס מיך אָן זאַט,
איז מיר דען שלעכט דעמאָלט? ס'איז דאָך מיר וווּיל ווי די וועלט.
דאַרף מען — זאָגט ער — בענטשן". צום סוף האָט זיך אויפגעשטעלט
אַגולניק, דער ליטוואַק, דער פירער פון פאַראיין,
און געענטפערט אויף זיין ליטוויש לשון מלא חן:
„גאַ־אַר?! ס'גיט אַזוי די מייסע, חבר! איר זייט גענצלאַך
ניט גערעכט. ווען גאָט טוט אייך אַ טעיווע, איז מענצלאַך
צו דאַנקען. אָבער, אַז ער טוט אייך גאָרניט קיין טעיווע
טוט ער אייך! דער פעלד וואַקסט? ווייל ער מוז, ס'איז זיין טבע
ער זאָל וואַקסן. גענוי ווי דער קליינער פייגעלע זינגט,
דער קלאָרער טייכעלע רויסט און דער פערדעלע ספרינגט.
אַנו, זאָל גאָט זאָגן: זינג ניט, ספרינג ניט. ר'מעגט מיר גלעיבן
ס'עט ניט עלפן".

„ביי דעם אמת זאָל ער אַזוי לעבן —
שרייט פּנחס פון בעט אַרוים — דער צלם־קאָפּ, ווו ר'איז דאָרט,
אַז דער, וואָס כ'האָב מיר נישט געוואַשן די הענט, זאָל איין וואָרט,
איין וואָרט בלויז זאָגן, נישט מער, צי ער רירט זיך גאָר פון אָרט
דער שיי־גאָץ! דער מחוצף! האָסט געהערט, ווי דאָס רעדט?!"

און ר׳האָט זיך האַסטיק אַ זעץ אויף געטוען אויפן בעט.
באָרד אויפגעשפּיצט, אויגן גרויס, אָט צו טוען אַ שפּרונג,
נאָר מען ווייסט נישט, צי אויפן ליטוואַק, צי אויפן יונג,
וואָס איז שטיין געבליבן דערשראָקן, דאָס שטיק לונג אין מויל
און געזאָגט (אַ מערכה האָט ער!) מיט אַ געבראָכן קול
צום ברידערל: „וואָס שטייסטו וואָס? אַ לעק וואַסער דערלאַנג,
וועט מען בענטשן”... און אויף להכעיס אַזוי לאַנג
געבענטשט, ביז פּנחס האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ ווי פריער.
דעמאָלט האָט דער יונג אָפּגעהאַקט און אַרוים דורך דער טיר.

און פּנחס איז לאַנג נאָך אויפן בעט געלעגן,
געשוויגן און נאָכגעטראַכט: אַז די קינדערס וועגן
זענען שלעכט און זינדיק. און חוץ דעם, הויכט אַזאַ קעלט
פון זיי און ער פאַרשטייט נישט, ווי קאָן מען דאָס אויף אַ וועלט,
וו עס לויערט דער טויט אויף דיר, וו דער חושך איז געדיכט,
אויסלעשן בידים יענץ העל־גרויסע ליכט,
וואָס צעיאָגט די שאָטנס פון אַרום, מאַכט גרינגער דעם גאַנג
און פאַרוואַנדלט דעם טרויער אין אַ יובל־געזאַנג.
„צי דאַרף מען בענטשן? צי מעג מען אים זאָגן אַ דאַנק?”
זאָגטס נישט, פאַרכעס! האָט אייך אַכט און אַכציק שוואַרץ יאָר!
אָבער צי האָט איר וועגן דורכגעטראַכט, דורכגעבליקט קלאָר
אייער זיין? צי האָט איר וועגן געריסן זיך די האָר
און געוויינט אין די נעכט מיט אַ ביטער געוויין,
יענעם עיקר צו פאַרשטיין, וואָס איר קאָנט נישט פאַרשטיין,
יענע וואַנט אַריבער, וואָס איר קענט נישט אַריבער?
וואָס איז דער מער מיט אייך? מיט וואָס נעמט איר זיך איבער?

דאָס לעבן? ס׳איז אי זיס, אי ביטער, שווער צו זאָגן וואָס —
דאַרף מען האָבן עפּעס, וואָס איז העכער ווי דאָס.
יעדן האָב — גאָט. ער איז פון לעבן מיר טייערער,
ער איז מיין ברעג מיין ליכטיקער — און ווו איז אייערער?!

ער דערמאָנט זיך: אַז אַפּט, ווען דאָס עלטערע יינגל שמועסט
מיטן יינגערן, לאָזט ער פאַלן אַ וואָרט: „מאַרקסיסט".
אָט דאָס וואָרט חזרט זיך איבער אָפּט אין זייערע רייד,
און רב פּנחס דרינגט דערפון אַרויס און פאַרשטייט,
אַז ס׳איז געווען איינער, „מאַרקסיסט" האָט ער געהייסן,
אַ קאָפּ־מענטש, אַ מין „ריסטאָטלס" און אַלץ, וואָס עס ווייסן
און אַלץ, וואָס עס דרשנען זיינע זין, שטאַמט אַלץ פון אים.
אָט נעכטן האָט דער עלטערער בן מיט אַ בייזער שטים
צום יונגן געזאָגט: קודם כל וויל איך וויסן, וואָס דו ביסט.
זאָג מיר: ביסט אַ מאַרקסיסט, צי ביסט נישט קיין מאַרקסיסט?
זאָגסטו מיר: יאָ, רעד איך מיט דיר ווייטער, אַזיסטן...
סיי־ווי — די גאַנצע תורה שעפּט ער פון „מאַרקסיסטן",
דעם רבין זיינעם. נאָר אין וואָס אָט די תורה באַשטייט,
איז ער בשום אופן נישט דערגאַנגען פון זייערע רייד.

אויך פרימעט, פּנחסעס ווייב, קלערט אַריין דאַרין.
די מעשה איז אַזאַ: מ׳רעדט זיי שידוכים, די זין,
נישט קיין שלעכטע שידוכים, דער שדכן רייסט אָפּ די טיר.
און פאַרוואָס דען נישט? בחורים — אַזאַ יאָר אויף איר.
מאַנספּערשוינען, פאַרדינערס. אלא וואָס, היינטיקע וועלט?
פאַדערט מען דאָך אַזוינס און דוקא דאָס געפעלט.

הכלל שידוכים אויף שידוכים. און מיט שפּאָר געלט.
וואָס שייך איר, איז זי גרייט. נאָר וואָס קומט אַרויס?
טאָמער דערמאָנט זי דאָס די יונגען, לאָכן זיי זיך אויס,
גלייך זי וואָלט, חס ושלום, אַראָפּ פון געדאַנק.
און זי פאַרשטייט זיי נישט, די קינדער אירע. ווי לאַנג
איז דען דער שיעור זיך נאַריש צו מאַכן?
און צי האַלטן זיי בכלל נישט פון אַזעלכע זאַכן?
און זי וואָלט זייער גערן געוואָלט זיך דערוויסן,
וואָס זיי טראַכטן וועגן תכלית. טרעפט, אַז ווען זיי שמועסן,
און זי — כלומרשט קערט זי מיטן בעזעם, רוימט אָדער פּיצט,
נאָר אין דער אמתן האַלט זי דאָס אויער פאַרשפּיצט,
שטייט אומבאַוועגלעך, לויערט ווי אַ קאַץ שטילערהייט,
אַ כאַפּ צו טוען ביים גאָרגל דעם קערן פון זייערע רייד,
נאָר ווי! זיי גליטשן זיך אַדורך און איר מי איז אומזיסט.
און פון די אַלע ווערטער געדענקט זי קוים איינס: „מאַרקסיסט".
ווען עס קומט ווער, דערציילט איר געניי, אַקוראַט,
און דר'עיקר, אַז דער „מאַרקסיסט" האָט חתונה געהאַט,
וואָלט ער אַ נייע נשמה אין דער מאַמען
אַריינגעהויכט.

און איינמאָל, ווען אַלע צוזאַמען,
די ביידע זין, דריי טעכטער יינגערע, דער מאַן און זי
זענען ביים טיש געזעסן שבת אינדערפרי
און אויפן טשאָלנט געוואַרט, אויפגעלייגט אַלע,
האָט רב פנחס אָפּגעשאָקלט די קרישקעס חלה
פון דער באָרד, אַ וואָרף טוענדיק זי אַהער און אַהין
און זיך אָנגערופן צום עלטסטן פון זיינע זין

שטיל, בהרחבהדיק, מיט אַן עונג־שבתדיקן קול:
הגם ס'איז נישט גלייך צו רעדן היינט וועגן דברי חול,
פונדעסטוועגן זאָג מיר, כ'בעט דיך, כ'וועל דיך עפּעס פרעגן:
שוין אַ סך מאָל האָב איך געהערט דיך רעדן וועגן
אַ גאַנצן מר בר רב אשי, עפּעס איינעם „מאַרקסיסט",
אויב כ'האָב קיין טעות נישט. ווער איז דאָס: אַ ייד, אַ קריסט?
און וואָס האָט ער מחדש געווען, וואָס מ'האָט נישט געוווסט
ביז אים?

און ווען רב פּנחס איז געוואָר געוואָרן,
אַז מאַרקס (נישט מאַרקסיסט) האָט צוריק נאָך מיט אַ סך יאָרן
פאָראויסגעזאָגט דעם עתיד פון דער וועלט, אַז איר רוב
וועט לעבן מיגיע כפּו און אַז סוף כל סוף
וועט דאָס הייפעלע נגידים, אַזוי פיצלדיק קליין,
פאַרשווינדן און די קרומע וועלט וועט גלייך ווערן און שיין —
זאָגט ער מיט אַ גמרא־ניגון: „גיב מיר צו פאַרשטיין.
מיר האָבן דאָ אין שטאָט צוויי גבירים: יוסל ברכהס
און יצחק שאַרפהאַרץ און — אַ צוויי טויזנט משפּחות
קבצנים מיט דער פלאַמבע. איז גיב איך דיר נאָך: אויס גביר —
ס'האַלט נאָך נישט דערביי, משיח מעג קומען פריער,
נאַר גאָרנישט, וואָס אַרט מיך? אַז כ'שפּאַר מיך נישט מיט דיר! —
האָסט צוגענומען ביים נגיד אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט
און צעטיילט די קבצנים נאַר, איידער וואָס און ווען, טאָגט
אין די קעשענעס, קבצן בלייבט קבצן ווי פריער,
נישט מער, וואָס איצט איז דער פריערדיקער גביר
אויך אַ קבצן און דיין גאַנצע אַרבעט איז אומזיסט...

היינט-זשע זאָג מיר, וואָס האָט ער אויפגעטוען, דיין „מאַרקסיסט”,
ניין, נישט מאַרקסיסט! וואַרט נאָר, וואַרט נאָר, מאַרקס
מיין איך, טשולדיק!”
דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט אומגעדולדיק,
אַראָפּגענומען דעם „אנ” פון פאָרנט, דאָס האָט באַטייט,
אַז צו נייע ווערטער, ווי בכלל צו דער נייער צייט
באַציט ער זיך מיט ביטול. נאָר פונדעסטוועגן,
ווען דער זון האָט אָנגעהויבן זיך אויפצורעגן,
אַז אַ חוץ יצחק שאַרפהאַרץ און אַ חוץ יוסל ברכהס,
איז דאָ נאָך און נאָך און זיי אַלע אויף לעהאָכעס,
איז די וועלט נישט קיין בלאָטע, וואָס איז אָפּגעשטאַנען,
און אַז, שאַדט נישט! דער טאַטע מעג זיך דערמאָנען
אָן מיליאָנען קינדער, וואָס עסן נישט צו זעט,
אָן דער נאָענטער מלחמה, וואָס שוועבט שוין און שרעקט ווי אַ שד
און אַז אָט איז שוין ערגעץ-ווו פאַראַן אַ סאָוויעט
און אַזוי ווייטער — האָט פנחס מער קיין וואָרט נישט גערעדט,
נאָר דעם זון געלאָזט רעדן און דערפילט אין זיינע רייד
דעם אינהאַלט פון זיין לעבן, דעם פונק פון זיין פרייד.

און די מאַמע קוקט אויף אים. ד'איז קיין איינעהאָרע שיין.
ווען ער רעדט, בלאַנקען אַרוים זיינע שטאַרקע, ווייסע ציין.
אַ מאַנספּערשוין! ווען מען מעג — זי וואָלט אים געקישט.
דאָך זי פרעגט בלויז: כ'בעט דיך, ר'האָט חתונה געהאַט, צי נישט?
— ווער? — דער מאַרקסיסט, אָדער מאַרקס, ווי דו רופסט
אים אַליין. —
און דאָס האַרץ קלאַפּט איר שטאַרק. טאַמער, חס ושלום, ניין...

נאָר דער זון, כאָטש ר׳האָט גוט געהערט, ענטפערט נישט אפילו.
און די מאַמע זיצט אַ פאַרשעמטע, נעבעך, אַ שטילע.
אַזש דער יינגערער בן דערפילט מיט אַ מאָל איר פּיין.
גיט ער איר אַ ווינק מיט די שליפיעס אין די אויגן אַריין
און אַ שאָקל מיטן קאָפּ: חתונה געהאַט!

און נאָך קיין איינציקן שבת איז ער אַזוי זאַט
נישט אַוועק פוטבאָל שפילן מיט חברים אויפן באַרג
ווי היינט. אַזש זיין קאָלעגע, פסחל קאַנאַרעק,
האָט, קוקנדיק אויף אים, אַ פייף געטוען מיטן מויל
און אויסגעקרייעט הויך מיט זיין קוויטשנדיק קול,
אַז ס׳האָט אָפּגעקלונגען אין טאָל פון עק צו עק:
אדם — אַ מענטש, צפור — אַ פויגל און דאָס איז — אַ בעק!
זעטס אַ געשיקטקייט — ווי אַ קאַטשקע אויפן ברעג. —
וואָס איז היינט געשען מיט דיר, ריוועלע האָז,
די מאַמע האָט דיך איבערגעפּאַקט מיט קיגל, צי וואָס?

און טאַקע, ר׳האָט אַ גאָל היינט דורכגעלאָזט, ריוועלע כוואַט,
און שולדיק איז קאַרל מאַרקס, ווייל ר׳האָט חתונה געהאַט...

יענעם שבת, ווען פנחס האָט פאַרנומען די רייד
פון זיין עלטערן זון און יענץ פינקעלע פרייד,
וואָס צאַפּלט אים אַקעגן אין זיין גרויער וואָך,
האָט פנחס, דער טאַטע, דערפילט מיט אַ מאָל דעם יאָך

דעם שווערן פון זיין קינד און זיין חלום פאַרשטאַנען.
איז דאָך טאַקע אַזוי פיל שלעכטס אויף דער וועלט פאַראַנען,
אַז כאָטש טיילמאָל קומט אַ מינוט, ווען ס׳זינגט אין דיר אַלץ,
אָבער אָפט, אָפט פילסטו אַנדערש. אַ וואָרט שטיקט אין האַלדז
און בעט זיך ביי דער צונג עם אַרויסצולאָזן פריי,
די הימלען צו לעכערן מיט זיין מעכטיק געשריי,
נאָר מען לאָזט עס נישט, דאָס וואָרט, פון מויל־אַרויס גיין;
עפּעס ציטערט מען אַזוי שטאַרק פאַר זיך אַליין,
ס׳זאָל נישט חרוב ווערן אין דיר דאָס לעצטע ביסל רו,
אַלץ צעמישן: ער וועט נישט זיין ער, דו וועסט נישט זיין דו,
און מען שרעקט זיך... נאָר דאָס יונגע דור ווייסט נישט פון שרעק,
פון אָפּהאַלט. אַ שאָד נאָר וואָס צו ווייט זענען זיי אַוועק
און זיך איינגעריסן מיט גאָט, ווער ווייסט צוליב וואָס.
דאָס דערוויטערט זיי אַזוי. ווייל ווען נישט אָט־אָ־דאָס,
איז די גערעכטיקייט מיט זיי און זייערע רייד
זענען אמת — פאַר אַלע מענטשן, צו אַלעמענס פרייד,
האָט גאָט די וועלט באַשאַפן און ס׳איז קיינער אים נישט פרעמד.

אָט היינט איז געשטאַנען אין „שטיבל”, אין ווינקל פאַרשעמט
מאָניש, דער פרישער אורח. ביים נגיד אין גאַרבעריי
האָט ער אָפּגעהושכט זיינע טעג פאַר ריבלעם דריי
אַ וואָך, ביז צום אויסברוך פון קריג. דאַן איז געוואָרן אוים
מיט דער פאַבריק. יצחק שאַרפהאַרץ האָט געקויפט אַ הויז,
אַ הויך הויז אין דער גרויסער שטאָט אויף אַ שיינער גאַס
און אויך מאָניש איז געוואַקסן — געשוואָלן ווי אַ פאַס
האָט דער הונגער אים געמאַכט. און אַ צייט נאָך דעם קריג,

ווען יצחק שאַרפהאַרץ האָט ווידער געעפנט די פאַבריק,
איז מאָניש צו דער אַרבעט אַוועק, שטאַרק זיך געפּלאָגט,
ביז דער נגיד האָט דערזען זיין שוואַכקייט און געזאָגט:
ביסט קראַנק? מאָניש! שעם דיך נישט. מיר זענען דאָך שכנים,
און דאַווענען אַזוי לאַנג שוין אין שטיבל אין איינעם,
טאָ זאָג אַלץ. און פלוצים האָט אויסגעשריגן דער גביר:
ביסט דאָך געשוואָלן, מאָניש, געשוואָלן און ווי איז מיר!
ווי האָט אַ מענטש נישט קיין יהדות אויף זיך אַליין!
מען טאָר נישט אַזוי! אַהיים די רגע! כ׳לאָז דיך נישט מיין
די האַנט אין קאַלטן וואַסער טוען. אָוואַ! אָוואַ!

און ווען מאָניש איז אַוועק אַ געקאַרטשעטער אַזאַ,
מיט שטומען צער אין די פאַרטרערטע אויגן,
האָט דער נגיד אַ רחמנות־פּנים פאַרצויגן
און געזאָגט צו מנחמען, זיין זון דעם קרומען:
גיב נאָר אַ גיי אַריין איינגעשווינד צו דער מומען
און זאָג איר, זי זאָל אָפּגיסן אַ גוט ביסל יויך
און אים נאָכשיקן אַהיים. און אַ פליגעלע אויך,
נאָר אַ ווייכס, למען השם! — האָט ער נאָכגעשריגן.
און אַזאַ גרויס רחמנות האָט ער צו אים געקריגן,
אַז אין „שטיבל" גייענדיק פרייטיק פאַרנאַכט,
האָט ער אָפּגעטרעטן, ער אַליין, זען וואָס מאָניש מאַכט.

אויפן טיש, ביים פענצטער, האָבן ליכטעלעך געברענט
און אַ פּיצינקע לעמפּעלע; אויף די מאַטע ווענט
האָבן ריזיקע, שטומע שאָטנס געלויערט;

ארום אַ ליכט האָט אַ פליג זשומענדיק באַדויערט
די זון און דעם טאָג, וואָס זענען ביידע צו ענד,
און די פליגעלעך פאַר גרוים צער זיך פאַרברענט
אין דרייפאַכיקן פלעמל פון דעם קליינעם ליכט.
דער נגיד איז אַריינגעקומען אומגעריכט,
אַזש מאַנישעם ווייב, וואָס איזביים טיש געזעסן,
איז אויפגעשפרונגען און זיך אַזוי ווייט פאַרגעסן,
אַז זי האָט שיר נישט, שיר נישט, צוליב דעם גביר
דאָס לעמפל אַרויפגעדרייט, כאָטש מיט דריי מינוט פריער
האָט זי דאָך אַליין ליכט געבענטשט. אויף אַזוי ווייט
איז זי צעקאָכט געוואָרן. נאָר זי האָט צו דער צייט
אַוועקגעכאַפּט די הענט און געקומען צו זיך.
פאַרמאַכט דעם סידור; אויפן קישן מיט דער רויטער ציך,
וואָס האָט באַדעקט דעם שוואַרצן טאָפּ אויף דער קיך, האָט זי גיך
אַ האַנטעך פאַרוואָרפן, כדי צו באַהאַלטן דאָס רויט.
און — גלייך זי אַליין וואָלט שולדיק געווען אין איר נויט —
זי האָט אַזוי שטאַרק זיך געשעמט פאַרן גביר,
אַז ז'איז שטיין געבליבן צעמישט, נישט געוווסט, וואָס פריער,
נעבעך, צו טוען. — ווי פייכט, ווי ענג דאָ איז — אַ גרוב!
און ווען מען זיצט נאָך כאָטש איינע אַליין אין אַזאַ שטוב!
אָבער דאָ איז דער נגיד געקומען, ער אַליין.
און דאָס שטיבעלע אירם איז דלת אויף דלת קליין.
אַ וואָכעדיק מעסער ליגט אויפן טיש און אַ שוואַרץ ברויט.
ווו איז די פלאַש מיט וויין, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען רויט
די גרויסע שבת-ליכט? ווו די לייכטער, די שיינע?
אין אַ קעסטעלע זאַמד שטעקן ליכטעלעך קליינע

און וואַרפֿן אַן אומעטיקן שיין, ווי ביי אַ מת.
אַ גאָט, ווען דו טוסט איצט מיט דיין דינסטמויד אַ נס
און פֿאַרבייטסט איר דעם גרוב אויף אַ ליכטיקער שטוב!
אויף אַ וויל בלויז, אַ וויל! שפּעטער וועט זי נעמען פֿאַרליב
דעם גורל אירן.

זייער שנעל אַרבעט איר געדאַנק.
זי שטייט אין מיטן שטוב און ווייסט אַליין נישט ווי לאַנג,
אַ רגע, צי אַ יאָר, אַ בלייבע, אַ הויכע, אַ דינע
און עס וויינט אין איר שטום אַ ניגון פֿון אַ תּחינה.
נאָר פֿון בעט אַרויס דערגיין צו איר דעם מאַנס רייד:
גיב צו זיצן — קרעכצט ער — דו זעסט דאָך, אַז מ׳שטייט.
נאָר — „גיב צו זיצן"! משטיינסגעזאָגט, ס׳איז דען דאָ אַ שטול?
שלעפּט זי די שווער-קרעכצנדיקע באַנק איבערן דיל
איינגעבויגענערהייט און זי זיפֿצט אונטער שטיל:
זאָל זיין אַזוי, רבונו של עולם, אויב ס׳מוז אַזוי זיין...

און צוקאָפּנס פֿון קראַנקן קוקט אַ פּאַס הימל אַריין,
דורך אַן אויסגעהאַקטער שויב פֿון אַ פֿענצטער, ווי רויטער וויין,
וואָס שפּיגלט זיך אין העלן פֿייערדיקן פֿלאַם.
אַ געצייגדלט וואָלקנדל, ווי אַ גילדערנער קאַם,
שוועבט לייכט קעגנאיבער דער אויסגעהאַקטער שויב;
פֿון ערגעץ-ווו דערגייט דאָס וואָרקען פֿון אַ טויב;
אויסגעשטרעקטע שוואַלבן-פֿליגל אויפֿן אָוונטלעכן פּאַן,
שטייף געשפּאַנט, האָבן פּלוצים אַ ציטער געטוען,
און אָט הייבן זיי צו צאַפּלען און צו פֿלאַטערן אָן.

זיינע גרויסע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען
הייבט ער אויף, מאַניש, און לאָזט זיי זינקען, ווי שעמען
ער וואָלט זיך אָנצוקוקן דעם שיינעם גביר גלייך.
מאַניש זעט: דער אָוונט, וואָס איז אויך שיין און אויך רייך,
גיסט אויס אויפן גבירס פנים דעם גאַנצן פאַרבן־חן,
וואָס ער פאַרמאָגט. הייסט עס דאָך, אַז כביכול אַליין
האָט אים אויך ליב און שענקט אים שיינקייט און

, שענקט אים פרייד,

ווייל אויף אים, מאַנישן, אפילו געזונטערהייט,
קוקט אויך נישט דער הימל מיט אַזאַ חסד און גענאַד.
און גוט איז ער אויך, דער נגיד. ער זאָגט: „אַ שאָד, אַ שאָד,
וואָס כ'האָב פריער נישט דערזען, אַז דו ביסט קראַנק.
ווייל דו, פרא אדם, האָסט פאַרבאָרגן צו לאַנג
די קרענק דיינע". און אָט שטעלט ער זיך אויף פון דער באַנק
און זאָגט מיט אַזאַ זיסער, רחמנותדיקער שטים:
זאָל זיך מטריח זיין מאַנישעס ווייב אַהיים צו אים,
וועט מען איר דאָרט געבן אַ פריש ביסל יויך,
צוויי פליגעלעך ווייכע און עפל־קאָמפּאָט אויך.
אַ גוטן שבת און אַ רפואה שלימה.

„און זי דאַנקט אים מיט די אויגן, די שטילע בהמה!
און שלעפּט, אַזוי ווי זי, עניוותדיק דעם יאָך!
זאָל־זשע שוין אַ דבר געשען, אַ גרויסע שווערע בראָך,
אָט־אָ־די, דוקא די, וואָס אין שפּאַן גייען שטיל!"

ר׳האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס איבערבעט, די פיס אויפן דיל
אַראָפּגעלאָזט.

כ׳בין געזונט — האָט ער גערעוועט — געזונט!
אַ שפּיגעלע אַהער! שטיי נישט, בהמה, געשווינד!

ר׳האָט אויפס כוח זיך אַ שטעל געטוען, נאָר נישט לאַנג
געשטאַנען און קוים-קוים צום בעט צו:
כ׳בין קראַנק, זייער קראַנק —
האָט ער געשעפּטשעט, אַנידערפאַלנדיק פאַרשוואַכט.

און ווען דאָס ווייב האָט פון שכן אַ שפּיגעלע געבראַכט,
דאָס קישן גלייך געמאַכט און זיך געזעצט אויפן בעט,
האָט ער זיך איינגעשפּיגלט און קורץ, אָפּגעהאַקט גערעדט:
כ׳האָב נאָכלויפן געוואָלט, וואָרענען, ווי גאָט איז אים ליב,
ער זאָל מער נישט באַטרעטן די שוועל פון מיין שטוב!
כ׳וועל דעם קאָפּ שפּאַלטן! מיט אָט דער שווערער באַנק!
נאָר נאַדיר, זע ווי געשוואָלן איך בין און ווי קראַנק!
רב פנחס האָט אָפּט ביי זיין קראַנקן-בעט פאַרבראַכט.
ר׳האָט אין „שטיבל" פאַר אים אַ ביסל געלט געמאַכט
און געזאָרגט וועגן אים. ווען ר׳איז אויפגעשטאַנען פון בעט,
צו יצחק שאַרפהאַרץ אַוועק און לאַנג מיט אים גערעדט,
ר׳זאָל אים לאָזן אַרבעטן אין פאַבריק ווי פריער.

און ווען שאַרפהאַרץ האָט געזאָגט: ס׳איז אַ גרויס רחמנות מיר,
כ׳וועל צוזען נישט קענען, ווי ער אַרבעט אַזוי שווער,
כ׳קען נישט, גלייב מיר, בשום אופן נישט — איז רב פנחס מער

נישט צוגעשטאַנען, נאָר אַוועקגייענדיק געזאָגט בלויז:
אברהם יצחק, אויב דיין רחמנות איז שוין אַזוי גרויס,
קומט דאָך אים אוים צו שטאַרבן, נעבעך, דעם אָרעמאַן. —
און אַוועק שווייגנדיק און אים אויסגעמיטן זינט דאַן.

אויך די חסידישע מלוה-מלכה שבת ביינאַכט,
וואָס האָט זיי ביידע אין אונזער שטוב אַריין געבראַכט,
כאָטש מ'האָט לחיים געטרונקען און געווונטשן זיך
אַלדאָס גוטס און דר'עיקר — דוד מלך המשיח
זאָל קומען אינדערגיך און אויסלייזן אַלע,
און דער נגיד האָט אויך דערמאָנט די צייטן פון ביאַלע,
און נאָכגעזאָגט תורה מיט אַזאַ וווייכער שטים —
האָט עס פנחסן פאָרט נישט דערנענטערט צו אים.

לייביש קאָפּ, מאַנישעס זון, אַ נידריקער דיקער ייד,
אַ מלמד, אַ מילכהענדלער און אַ העלפער אין יאַריד
ביים וויבס שטעל, איז אַ גרויסער אָרעמאַן
און אַ גרויסער גם זו לטובהניק. גייט אין שפּאַן
אויסגעצייכנט און טראָגט אַ צופרידענער דעם יאָך
אויפן קורצן דיקן האַלדז. אָפּגעקנעלט אַ וואָך,
אויפגעשטאַנען כעלות און אין דאָרף געגאַנען,
אַהיימגעקומען דערשוויצט מיט די שווערע קאַנען,
גייט ער אין בית-מדרש אַוועק און צוריק באַלד אין חדר
קנעלן מיט די יונגען, אַזוי כסדר, כסדר —
און פונדעסטוועגן מעג מען אַ קוק טוען אויף אים
שבת פרי, ווען ער רופט מיט זיין גראָב-הייזעריקער שטים

די עליות־ליציטאַציע און דאָן דעם יעמוד.
דער שטערן שוויצט, קיין איינעהאָרע, דאָס פּנים איז רויט
נאָך פון נעכטיקן באָד, ווען אויף דער העכסטער באַנק
האָט ער מיטן בעזעמל געפּאַכעט און געשמיסן לאַנג
דעם צעפּאַרעטן גוף. זיך אויסגעצויגן, געליגן,
נחתדיק געקרעכצט און פון צייט צו צייט אויפגעשריגן:
זוא־סער! ווא־סער! פּאַ־רע! אַזוי לאַנג, ביז איינער
האָט אַזא גאָס דערלאַנגט אויף די קאָכעדיקע שטיינער,
אַז אַ דאַמף האָט איינגעוויקלט בעליק און ווענט,
ביז ס'האָט קיינער דעם נאָענטסטן שכן נישט דערקענט,
און לייבישעס קיילעכדיקן גוף אַזוי צעשוויצט,
אַזוי צעוואַרעמט און צעהיצט, אַז אפילו נאָך איצט,
מוצאי־שבת אויף דער נאַכט, שוויצט ער, אַז אַ שרעק.
אָט דער לייביש איז איצטער צום ברונעם אַוועק
נאָך וואַסער פאַרן עולם, מיט ריזיקע וויאַדרעס צוויי,
חברה קליינוואַרג — נאָך, מיט אַ ליאַרם און געשריי,
אַז די שטיל־דרימלענדיקע סוף־זומערדיקע נאַכט,
וואָס איר שמעקעוודיקער חלום האָט עס אַרויפגעבראַכט
דעם זילבער־שערפּ אויפן הימל מיט די גאָלדענע טרויבן,
וואָס פאַרשיכורן און לייכטן אונדז אַראָפּ פון אויבן —
האָט זיך אויפגעכאַפּט, דעם שלאָף פון די אויגן געריבן.
נאָר איר חלום איז ווייטער הענגען געבליבן,
אַראָפּגעשמייכלט מילד און מיט ליכט אויסגעצוואָגן
די גאָס, די הייזקעס און לייבישן, וואָס האָט געטראָגן
די פולע וויאַדרעס. דאָס וואַסער האָט אויפגעגלאַנצט,
זיך געריעדלט, געהויבן, צום חלום אַרויפגעטאַנצט,

די ראַנדן אַריבער, כדי הויך צו דערגיין
און — געפאַלן. באַנעצנדיק אַ שטיין נאָך אַ שטיין.

די יונגען העלפן טראָגן, אָדער שפּרינגען פאַראויס,
לויפן, אַלע אין דער קופּע, אַריין אין הויז
און שטויסן און רייסן זיך ביי די קעפּ באַנאַנד,
ביז די טיר ווערט געעפנט מיט אַ שותּפותדיקער האַנט
און זיי פאַלן ווי אַ קנויל אַריין מיט געשריי
און לייביש מיט די צוויי ריזיקע וויאַדרעס נאָך זיי.

אין אַ מינוט אַרום איז שוין פול די שיסל
און דער עולם פאַרהאַלט זיך מיטן וואַשן אַ ביסל
און לייביש וויל ווידער זיך לאָזן צו דער טיר.
אָבער עמעץ לאָזט נישט און זאָגט שאַרף: אַלע מצוות דיר?!
און אַלץ בחינם? וואַרט־אויס אַ ביסל, האָב צייט! —
און ער נעמט די רעכטע האַנט צום אויער און שרייט:
צען גראָשן פאַר אויסגיסן די שיסל צום ערשטן מאָל!
און ס'האָט זיך אָנגעהויבן קאָנקורענץ צווישן קהל,
אַזוי ווייט, אַז ס'איז געפאַלן אַ שפּאַר ביסל מינץ,
צושטאַר אויף ביר.

און געקויפט האָט די שיסל אהרון פּרינץ,
דער פּאַפּיראָסן־שטופער. געקויפט — נישט סתם. מיט אַ מיין:
אַ שטייפן קאָלנער טראָג איך, די שטיוועלעך גלאַנצן שיין,
און עס מעגט מיך רופן „פּרינץ״, „פירשט״, וואָס עס ווילט נאָר אַליין
און פונדעסטוועגן ווייס איך, וואָס חסידות באַטייט.

נאָר פּיניעלע האָט געקוקט אויף אים אַ שטיקל צייט
און געזאָגט סוף כל סוף: „פּאַמעלעך, די בינאַקלען״...
און באמת, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שאָקלען,
ווען ר׳האָט אויפגעהויבן די שיסל. און אויף דער נאָז
דאָס ווערצעלע האָט געפרעגט פארחידושט: פּרינץ, וואָס איז דאָס?
און היינט זיין קאָמעץ־בערדל, דער שניפּס און די מאַנקעטן,
וואָס האָבן זיך אַראָפּגערוקט! נאָר טאַקע בילעטן
צו נעמען. דעם קליינוואַרג איז שטאַרק געפעלן אָט די קונץ
און מיט פּאַראַד די טיר געעפנט פאַר אהרון פּרינץ.

נאָר נישט געיאָגט — זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען, —
וואָס נעמט די צעוואָרפענע ספרימלעך צוזאַמען.
זי שטייט ביים סוף פון לאַנגן טיש, ביים סאַמע ראַנד,
און שטרעקט אוים איבער אים די ווייסע, צאַרטע האַנט.
מען רוקט איר די ספרים־צו, נישט קוקנדיק אויף איר,
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. נאָר בלויז דער גביר,
וואָס זיצט ווייט, לעבן טאַטן, אין סאַמע אויבנאָן,
הייבט אויף דעם זילבער־קאָפּ, קוקט אַ ווײַלע זי אָן
און זאָגט אין אַ זיסיטשקן צעשמאָלצענעם טאָן:
„גוט וואָך, רב דודלס טאָכטער! יעך זאָג אייך: גוט וואָך!
כ׳שמועס איצט וועגן טאַטן, עליו השלום. נישטאָ נאָך
אַ סך אַזעלכע יידן אין דער היינטיקער צייט״.

די מאַמע ענטפערט נישט, נאָר זיפצט אָפּ. דאָס באַטייט:
אַוודאי איז געווען אַמאָל... נאָר וואָס קומט דאַרוים?
אַז פון גאַנצן שיינעם איינגעפונדעוועטן הויז
איז דער יסוד אַוועק, די פרייד, וואָס האָט עס באַלעבט

און די זיכערקייט. און נישט עס שטייט, נאָר עס שוועבט,
וואָס אַ מאָל ווייטער פאַרן אויג פון זכרון.
די קינדער אויף שבעה ימים זיך צעפאָרן,
פאַרגעסן דעם אַ מאָל, נישט געוואָלט צומאָל וויסן,
און דעם גאָלדענעם פאָדעם צעפליקט און צעריסן.

אייל דיך נישט — חזרט איבער דער טאַטע — נאָר נישט געיאָגט!
און די מאַמע ווייסט, אַז אָט די ווערטער, וואָס ער זאָגט,
זענען בלויז אַ המשך צו איר זיפץ אין געדאַנק.
ווייל כל זמן מ'האָט נישט אָפגעגעסן, אַזוי לאַנג
די ליכט ברענען, די חסידים זיצן אַרום,
באַהאַלט זיך ווו דער וואָרעם, וואָס נאָגט אַזוי שטום,
ווען ס'איז קיינער נישטאָ און מ'בלייבט איבער אַליין.
נעמט זי די ספרימלעך צוזאַמען און לאָזט זיך גיין:
נו גוט, זי וועט זיך נישט יאָגן, זי פאַרשטייט, זי פאַרשטייט.

איינער אַ יאָט האָט פלוצים די עלעקטרי פאַרדרייט
(אַזאַ קנאַפּ אין דער וואַנט איז נאָך נישטאָ ביי זיי
און דער יצר הרע האָט אים שטאַרק גערייצט: גיב אַ דריי).
עמעץ האָט זיך שטיל אָנגערופן: צוריק מיט אַ צייט
איז דאָס נישט געווען. דער עולם קאָכט זיך און שרייט:
צינד אָן, לאָבום איינער! נאָר ס'איז איבריק דאָס געשריי —
דער לאָבום לויפט-צו סיי ווי און גיט נאָך אַ מאָל אַ דריי.

וואָס זאָגט איר, רב ליטמאַן, צו דער דאַזיקער קונץ?
איר זענט דאָך, קיין איינעהאָרע, דער עלטסטער צווישן אונדז —

זאָגט חיים דוד — פונדעסטוועגן אַ גאַנץ קלוגע זאַך,
נישט? מען מוז פּאָרט מודה זיין: די וועלט איז קלוגער אַ סך
ווי אַ מאָל. זאָגט, רב ליטמאַן, וואָס־זשע זאָגט איר, ניין?

און עס גייט אים נישט אַזוי וועגן דעם זקנס מיין,
ווי די לוסט צו דערציילן נייעסן אים לאָקט.
צי דאַרויף האָט ער אַ טוץ ציַיטונגען אַריינגעבראָקט
און קלוג געוואָרן, כדי שטום צו זיין ווי אַ פיש?
ער האָט ליב, ווען דער גאַנצער עולם אַרום טיש
זיצט ווי געלעמט, מויל און אויערן אויפגעשטעלט,
און קוקט אויף אים, ווי ער דערציילט נייעס פון דער וועלט.
די וועלט, וואָס איז אים דורך און דורך אַזוי באַקאַנט,
גלייך זי וואָלט שטיין אָט דאָ הינטער דער בית־מדרש־וואַנט.

אָט האָט אים עמעץ געפרעגט: טשעכאָסלאָוואַקיי,
וואָס דו זאָגסט, איז אַ שטאָט אין רוסלאַנד, צי אין טערקיי?
און ער האָט געענטפערט מיט אַן ערנסטער מינע:
לא הא, ולא הא — אַ באַזונדערע מדינה.

אָבער נישט בלויז דער חשק נייעס צו דערציילן,
נאָר אויך אמתער באַדאַרף מיט וועמען זיך צו טיילן,
זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ איז אין דעם ייד דעם יונגן
פאַראַן און פאַראַן. באמת, ווי פייער־צונגען
אויפן נאַכטיקן הימל זענען אונדזערע טעג.
און אויב אַ מאָל נאָך האָט אַ מענטש זיין לעבנס־וועג
איבער דערנער, אָדער בלומען, ווי גאָט האָט באַשערט,

אַדורכגיין געקאָנט רואיק און שטיל — איז היינט אויף דער ערד
דער פּיבערדיקער, קראַנקער דער וועג אַזוי שווער
פאַר די אָרעמע קינדער אירע. און זיבן מאָל מער
פאַר די יידישע קינדער.
האָט מען נעצן דאָך צעשטעלט
אויף אונדזערע לעבנס אין אַלע עקן פון דער וועלט!

אונדזערע היימישע נעסטן — פון שונא געצונדן
און מיר וואַנדערן היימלאָז און ציילן די ווונדן!

און פון פאַרנט וואַסער, און פון הינטן פלאַם,
און איבערן קאָפּ די בייטש פון דעם כאַם!

און הונדערטער שרעקנס און טויזנטער גרוילן
און נאָך ערגער פון אַלץ, דאָס אינערלעכע פוילן!

ביים דרעשן די זאַנג קומט אַרויס דער קאָרן —
און אונדזער זאַנג? אומזיסט נאָר געדראָשן געוואָרן,
קיין קאָרן נישטאָ!

איז טאַקע אַזוי שווער
צו צוימען דעם וויי און פאַרהאַלטן די טרער.
טאָ לאָזט זשע דעם ייד דעם יונגן אויסרעדן זיין ווייטיק.
איז כאָטש רב ליטמאַן שווייגט, האָט חיים דוד נייטיק
ווייטער צו ציען דעם אָנגעהויבענעם שמועס:
די וועלט איז קליגער, רב ליטמאַן, זייט מודה, אַזוי איז.

אלא, וואָס דען? זי איז זייער שלעכט און ממילא מיאוס.
ווייל יעדעס שיינע איז קודם כל, גוט און גערעכט.
עשו פאַרשטייט דאָס נאָך נישט און דערפאַר איז אונדז שלעכט.

האָט רב ליטמאַן געלאָזן אַ שמעק טאַבאַק געטוען.
און געזאָגט, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ רואיקן טאָן:
ער וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרשטיין, ווי לאַנג ער וועט לעבן.
ווייל ווען יצחק האָט יעקבן די ברכות געגעבן
און דער רויטער פעטער עשו האָט געוויינט, געביטערט,
אַזש יצחק אָבינוס האַרץ האָט אויפגעציטערט
פאַר רחמנות צום תכשיט, וואָס איז, נעבעך, אויף דער ערד
באַעולהט געוואָרן, און אים געשאָנקען ביקס און שווערד —
האָט די ווילדע יוכע זיך אַ צעקאָך געטוען באַלד,
די ביקס אַ כאַפּ געטוען און אַוועק אין וואַלד,
סאַפּנדיק פאַר רציחה ווי אַ ווילדער שוויין:
זאָל זיין טאַטע נאָר שטאַרבן, די לויה נאָר זיין,
וועט ער זיך אַ וואַש טוען צו יענקעלען, דעם תם.
נאָר די מאַמע רבקה האָט דערהערט די רייד פון כאַם
און יעקבס גורל באַוויינט: מיין קינד, מיין לעבן!
אַלע ברכות, וואָס דער טאַטע האָט דיר געגעבן,
וועלן גאָרנישט העלפן, ווי לאַנג עשו האָט די שווערד.
דיין גורל איז צו זיין אַ נע-ונדניק אויף דער ערד!
און ווען יעקב האָט דאָס טלומעקל גענומען און גיין
געוואָלט, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין:
ווי אַזוי איז דאָס געשען, מיין קינד, ווי אַזוי?
דער טאַטע האָט דיך געבענטשט מיט ווייץ, קאָרן, הימל-טוי

און שוין אין זיין ברכה איז די קללה געלעגן!
דיינע פיס וועלן בלוטיקן אויף פרעמדע וועגן,
און וועסט אין היילן דיך באהאלטן פאר עשום צארן.
און וווּ איז טוי און וווּ איז ווייץ און וווּ איז קארן?
אוי דיין מאמען איז ביטער, דיין מאמען איז זייער שלעכט!
עשום בלאנקע שווערד דאס הארץ מיר שטעכט,
און וואס כ׳האב דערגרייכן געוואלט, איז מיר נישט געראטן.
כ׳האב געזען, ביסט בלייך און שוואך און דין, ווי א שאטן,
רק דו זיצסט און דו לערנסט, פארחלומט און צארט
און עשו — איך קען דאך אים — ווי שטיין איז ער הארט,
האט טיף מיך דערשראקן דער גורל פון דיינע טעג
און כ׳האב העלפן דיר געוואלט. זאל זיין מיט א פאלשן וועג,
מיט שווינדל — און אט די שטראף! גערעכט זענען גאטס וועגן
און שוין אין דער ברכה איז די קללה געלעגן,
מיין קינד, אנטלויף! האט יעקב אבינו זיך גיין
געלאזט מיטן שטעקן אין האנט און ס׳איז געווען דער שטיין
זיין קישן און דער נאקעטער הימל דער ברייטער
זיין געצעלט. נאר דער חלום ווי רייך, ווי רייך! א לייטער,
א הויכע אזא, שפארט אן אין הימל און אויף איר
מלאכים דורכזיכטיקע, און ער פילט זייער באריר,
ער קושט זיי אין זיך און אזוי לייכט איז, אז שיעור, שיעור —
גיין, ער הייבט זיך טאקע אויף מיט זיי צוזאמען,
און אין חלום פליט ער. וווּ אהין? צו דער מאמען.
זי שטייט, ווי שטענדיקביים פענצטער, א פארבענקטע, ווי זי,
ער ווינקט צו איר אראפ: מאמע, דו זעסט? איך פלי...
און די מאמע הייבט אויף די אויגן און דורך די טרערן

זעט זי אים. עך, ווי הויך ער איז! ביי די סאַמע שטערן!
און אַ ווינטעלע אַזאַ שמעקעוודיקס לייכט און לינד
ברענגט אַרויף דער מאַמעס קול. נאָר צי וויינט זי גאָר אַצינד?
יאָ, די מאַמע וויינט אַצינד. מיין געבענטשט־פאַרשאָלטן קינד,
זאָגט זי. — פאַרוואָס פאַרשאָלטן, מאַמע? ס'איז דאָך לופטיק, בלאָ..
נאָר זי וויינט ווייטער: איך דאַרף דיך האָבן אָט־אָ־דאָ,
אויף דער ערד לעבן מיר. און דו מיך דאַרפסט אויך אַזוי.
און דאָ אונטן איז דאָך אַלץ. קאָרן, ווייץ און הימל־טוי
איז אויך אָ־דאָ. אָט־אָ־דאָ! און עשו האָט אַלץ.
אַלצדינג ער! און דו וואָס? און איר דינער האַלדז
ציט זיך צו אים און ברענגט אים די בענקשאַפט אַרויף
די בענקשאַפט צו ערד. ער גיט אַ צאַפּל און כאַפּט זיך אויף,
און — — — עשו האָט טאַקע אַלץ! גערעכט איז טאַקע זי,
די מאַמע. ס'איז באַגינען און אַ סטאַדע שעפּסן, קי
ווייסע, שוואַרצע, ברוינע און געפּלעקטע אַ סך,
סטענגלט זיך פון דערפעלע אַרוים צום ברייטן שליאַך,
און אַ קליין עשול אויף אַ גרויסן בולאַן נאָך זיי.
עס גילדט זיך ראָז דער שטויב. עס שמעקט מיט מילעך און מיט היי,
און צו די געלע פעלד־בלימעלעך שעפּטשעט שטיל דער מאַי
פונצווישן די גראָזן. געגוי וואָס ער זאָגט, ווייסט מען נישט,
נאָר ס'מוז זיין עפּעס ציעלכעס, וואָס קוויקט און פרישט:
זיי וואַקסן צוזעעוודי־ן, מיטן אויג צו דערקוקן.
און אַז יעדעס גאָלד־קעפּעלע אויפן דינעם רוקן
איז אַ וועלט אַ גאַנצע — איז צו זען נישט שווער.
קוק עס אָן: פרייד און בענקשאַפט, אַ שמייכל און אַ טרער.
נו, ווי זאָגט איר, דאָס איז גענוג, צי דאַרף מען נאָך מער,

כדי אַ וועלט צו זיין? מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גענוג.
היינט זשע איז אַ חידוש, וואָס יענע מיטן קרוג
אויף די אַקסלען, די עשיוו'אָווע, גייט פריילעך מיט אַ זינג?
אַז זי האָט דאָך אַלצדינג, גאָט מיינער, בפירוש אַלצדינג!
הכלל יעקב כאַפּט זיך אויף און זעט: רבקה איז גערעכט.
ער וואָס האָט? אַ טאַרבע! דאָס איז אַלץ. נישט מער, אין די נעכט
צעפינקלט זיך זיין חלום, ווי דער עפּל־סאָד
אין שבועות־צייט, ווען אין בלאָנדער, ווייכער גענאָד
באָדט זיך אַ וועלט; ווי דער העלער תבואה־לאַן
אין ערב־שניט און ווי די צעשטערנטע מילעך־באַן
אויפן טונקל־בלויען הימל. און אָט־אָ־דאָס חלום־גליק
האָט עשו קיי־יינמאָל, קיי־יינ־מאָ־אָל — אַ פּטשיק!
און חיים דוד האָט פאַרענדיקט: קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען.

ווייל אַזוי איז געווען דער שטייגער פון רב ליטמאַנען
ביים דערציילן אַ מעשה: איין שמעק טאַבאַק פאָראויס,
און ביים צווייטן האָט מען געוווסט — די מעשה איז אויס.
און ר'האָט שטענדיק איבערגעלאָזט אַ וואָרט, צי צוויי,
וואָס דער צוהערער האָט געמוזט פאַרענדיקן זיי.

רב ליטמאַן איז אונזערס אַ שכן זינט יאָרן
מיטן טאַטן באַפריינדעט, צו איין רבין געפאָרן.
אַ ייד אין טיפן עלטער און אַ ריינלעכער זייער,
אַ צעשמייכלטער, אַ היימישער. דאָך הענגט אַ שלייער
פון סודות איבער אים. מען זאָגט: אין זיינע יונגע טעג
איז ער אַזוי ווייט געווען פון דעם יידישן וועג,

אַז ווער רעדט שוין דאָרט פון אַ רבין פאָרן, צי גיין
אין „שטיבל”. נאָר שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט אַליין.
און אַ וואָרף געטוען פון זיך די נאַרישע זאַכן.
נאָר עטוואָס נאַרישקייט איז געבליבן. די שפּראַכן,
למשל, וואָס ר'האָט זיך אויסגעלערנט, קען ער. אַ סימן,
אַז ווען ס'איז איינמאָל אַ בריוו פון קירע געקומען
צו ירוחמען דעם אַלטן שניידער, וואָס זיין זון
איז פאַר דרייסיק יאָר צוריק נאָך אַוועק קיין ווין,
איז ירוחם געגאַנגען צו די יחידי סגולה
און — ווי! אַריינקריכן נישט געקענט אפילו.
האָט ער ערשט רעכט דערזען, ווי זיין אמת איז וואָר:
אַז די שקאָלעס דאַרף מען אַזוי נייטיק, ווי אַ שוואַרץ יאָר.
משה לערער האָט געלייענט, געלייענט און צום סוף געזאָגט:
קענען דייטש קען ער, נאָר דאָס כתב איז אַזוי פאַרצאָגט,
אַז ער קען נישט. ס'הייסט דאָס כתב, וואָרום דייטש — נאַ, נאַ!
איז ירוחם אַוועק צו ליטמאַנען און — יאַ!
איבערגעלייענט! און אַן די שקאָלעס! נאַ האָסטו דיר, נאַ!
ירוחם האָט געיובלט: בין יאָך גערעכט, וואָס יאָך זאָג? האַ!
און אַקוראַט ווי געלייענט, אַזוי אויך געשריבן. —
דאָס איז איין נאַרישקייט, וואָס איז אים געבליבן;
דאָס צווייטע נאַרישקייט איז: דאָס מקפיד זיין אויפן קלייד,
ס'זאָל אָפּגעפּוצט זיין, זויבער. ווייל אַזאַ מין ריינלעכקייט
ביי אַן אַלטן ייד איז נישט סתם אַזוי גלאַט.
און איצט דער טאַלענט צום דערציילן, וואָס ר'האָט געהאַט,
איז אויך נישט סתם אַזוי פון העלער הויט. פאַראַן אַ חשד,
אַז די בלימעלעך, מיט וואָס ער באַפּוצט זיינע רייד,

שטאַמען פון די טריפה-פסולס, וואָס ר׳האָט יונגערהייט
געלייענט. דאָך הערט מען אים גערן און אַפילו מיט פרייד;
ווייל קיינער קען נישט אַזוי ווי ער דערציילן.
און די טשאַטשקעס פון דער פרעמד, די נישט יידישע טיילן,
איז ער יידישלעך מתקן און הייבט זיי אויף.
און אויב אַזוי, איז דאָך אדרבא, מה טוב.
הכלל, ר׳איז אַ ווילער, היימישער ייד, רב ליטמאַן,
און אויב ס׳איז אים ווער נישט גורס, איז עס נאָר — רב גיטמאַן,
אונדזער אַלטער שוחט, בעל-תוקע און מוהל.
ער האָט שוין עטלעכע מאָל די רויטע פּאַטשטויל
פון קעשענע אַרויסגענומען און הייזעריק-הויל
געשנייצט אויפן קול, כדי צו געבן אַ סימן,
אַז כאָטש דער עולם איז מיט ליטמאַנען פאַרנומען,
איז עס נאָר צוליב דעם, ווייל עולם איז גולם,
און אַז ער, גיטמאַן, וואָלט שוין גענוג געהאַט, לעולם,
ליטמאַנס מליצה. ווייל טאַקע, אַ יינגל איז ער, וואָס?!
ער אַליין שווייגט, שטערט נישט, ווייל ר׳איז קלוג. אָבער די נאָז
מעג דאָך! ער האָט ליב קורץ און שאַרף. ווי אַ שולחן-ערוך,
און אָט דער ליטמאַן — אוי וויי!

— געלויבט השם יתברך! —

האָט גיטמאַן געזאָגט, ווען ליטמאַן האָט גענאָסן.
און מיניה וביה אַ גלעזעלע זיך אָנגעגאָסן:
— לחיים, יידן! לאָמיר געהאָלפן ווערן!

— און מיינע מעשיות נישט דאַרפן מער צו הערן —

שמייכלט רב ליטמאַן — דו האָסט זיי נישט גינציק, איך וויים.
ממא! — זאָגט רב גיטמאַן — דאָס זאָל שוין זיין דאָס גרעסטע בייז...

לחיים! די יאָרן זאָלן ווערן באַנייט! —
און עס דערלאַנגען זיך די הענט די אַלטע לייט.

און ווי נאָר דער עולם האָט צו ביסלעך גענומען,
איז די מאַמע באַלד פון קעכל אַריינגעקומען
מיט אַ גרויסן געבלימלטן טעלער אין דער האַנט,
צוגעגאַנגען ביז צום עק טיש און אויפן ראַנד
אים אַוועקגעשטעלט. דעמאָלט האָט דער טאַטע פון בענקל
זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום קליינטשיקן שענקל,
אויפגעשלאָסן און צוריקגעקומען באַלד צום טיש צו גיין
מיט עטלעכע פיצלדיקע גאָפּעלעך פון פיש-ביין,
ספּעציעל אויף הערינג. (דאָס און נאָך אַ סך זאַכן:
ציגאַרנשפּיצלעך, אַ מאַשינקע פייער צו מאַכן,
עטלעכע ירושה-לולקעס, וויזיט-קאַרטעס, אַ שאָך,
אַ מעסערל פון דאַנציק, ליאַק און חוץ דעם נאָך:
טאַבאַק-שקעטעלעך, כתבים, קאַיעטן מיט גראַמען,
די „כתובה", די „תנאים" צווישן טאַטן און דער מאַמען,
אויך זייערס אַ חתונה-בריוול מיט חידות שיינע
און טאַקע די פישביינערנע גאָפּעלעך די קליינע —
האָט דער טאַטע אין שענקל הינטערן שלאָס געהאַלטן.
און מיר, קינדער, פלעגן אָפט אין די קליינע שפּאַלטן
פון שענקל אַנקלעבן גרויס-צעעפנטע אויגן,
די זאַכן צו דערזען, וואָס האָבן אַזוי געצויגן,

אַז קוים איז קראַנק געוואָרן וועלכער ס׳איז יאַט,
און איבער דער ציטערדיקער מאַמען שליטה געהאַט,
האָט מען דאָס ערשטע זיך אויסגעבאָטן: אויפמאַכן
דאָס שענקעלע און אַריינגעבן די „זאַכן”
אין בעט אַריין. דער טאַטע, מאַלט אייך, האָט זיך נישט געיאָגט,
נאָר די מאַמע האָט וועלטן איינגעלייגט און געקלאָגט
אַזוי לאַנג, ביז דער טאַטע איז איר נאָכגעקומען.
און ערשט דעמאָלט האָט דער יאַט די רעצעפּט גענומען,
אַראָפּגעשלונגען שווייגנדיק די ביטערע פּילן,
כדי וואָס גיכער מיט די זאַכן זיך צו שפּילן.)

אין גאָפּעלע פּאָר זיך, איינס האָט ער דערלאַנגט דעם גביר
און אָוועקגעלייגט אויפן טיש די איבריקע פיר.
איינס האָט גענומען חיים דוד און איינס רב ליטמאַן.
דעמאָלט האָט צום טעלער די האַנט געשטרעקט רב גיטמאַן
און אויפגעהויבן אַ שטיק הערינג, ווי עס גייט און שטייט,
געהאַלטן אין דער הויך אַ ווייל, ס׳זאָל זען קינד און קייט,
אַז אָט די גאָפּעלעך, ווי בכלל אַלץ, וואָס איז ניי,
גייט אים אָן פּונקט ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי.
אָט עסט ער מיט דער בלויזער האַנט, ווי אַ פּשוטער ייד,
און מעמער זען, צי ס׳וועט אים שאַטן, גאָט באַהיט.

דאָס דריטע האָט גענומען דער פּאַפּיראָסן-מאַכער,
אַהרון פּרינץ און דער שטענדיקער וויצלער און אָפּלאַכער,
פּיניעלע, דאָס פּערטע. נאָר ביז ר׳האָט עס צום מויל געבראַכט,
האָט ער קינצן אַזעלכע אין דער לופטן געמאַכט,

אַז דער גאַנצער עולם האָט אויפֿן קול געלאַכט.
דאָס גאַפּעלע מיטן הערינג האָט פֿיניעלע געדרייט
אַזוי ממזריש, אָפּגעמאָסטן און גלייכערהייט
און די ליפּעלעך פֿאַרשנורעוועט אַזוי שמאָל,
אַז דו האָסט פֿאַר דיינע אויגן דערזען מיט אַ מאָל
אַ לעבעדיק פֿאַנפֿערונקעלע מיטן גאַנצן טראָפּ,
ווי ס׳וויגט זיך גאווהדיק, פֿאַררייסט דעם ליידיקן קאָפּ
אין דער הויך, משה גרויס, מיט איינרעדעניש אַ סך,
שעמט זיך מיטן מאַמע-לשון און איר טעגלעכע שפּראַך
איז גויאיש. אָפּגעשוירן, ווי ביי אַ יינגל, די האָר,
און אי דאָס, אי יענץ קליידט איר ווי אַ שוואַרץ יאָר
אין דער זוּיערמילך. דעם עולם געפֿעלט אָט די שפּיל
און ער לאַכט הויך.

נאָר פּלוצים איז געוואָרן שטיל.
עמעץ האָט די טיר געעפֿנט, געבליבן שטיין אויף דער שוועל.
אַ וואַרער שגץ. אויגן — הימל-בלוי, קידלעס — העל,
די מאַרינאַרקע צעקנעפּלט, אַ טונקל אויבער-העמד,
די ברוסט צעעפֿנט. — ער בלייבט שטיין, ווי פֿאַרשעמט
די ערשטע מינוט. די קידלעס, וואָס שטאַרצן אַפֿער
פֿון אונטערן „ליצאפּעט”, פֿאַררוקט ער און קומט אַהער
נענטער. — גוטוואָך, יידן — זאָגט ער. אַ גוטוואָך, גוטיאָר —
ענטפֿערט מען פֿון עולם. און ערשט איצט דערזעט מען קלאָר
ווער אָט דער שגץ איז — מיין טאַטנס יינגסטער בן.

אַ שאָד, נעבעך, דער יונג, אַ שאָד. ווי לאַנג איז גאָר דען,

זוי ר׳האָט אין שטיבל געלערנט. עס זאָגט עס נישט קיינער,
פונצווישן עולם, נאָר ס׳איז זיכער, אַז נישט איינער
טראַכט אַזוי. און רק מען קוקט אויף אים און קוקט:
ר׳האָט געקענט זיין לייט! ווייל איידער נאָך ס׳האָט
זיך אויסגעפיקט
דער טאָג, פלעגט ער קומען אין „שטיבל״ צו גיין
און פלעגט צו לערנען ביז טיף אין דער נאַכט אַריין,
אי ר׳האָט כלים געהאַט צו פאַרשטיין, אי ר׳האָט געוואָלט.
און אָט די ביידע זאַכן צוזאַמען זענען דאָך גאָלד,
בריליאַנטן. אָט אַזאַ זאַנג דאַרף געבן קאָרן
און גוטן קאָרן. נאָר ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן,
אויב דאָס ווערעמל, נעבעך, קריכט נישט אַריין אין דער מיט.
אַזיסט — נאַץ, קוקטס אים אָן! ר׳האָט דען אַ צורה פון אַ ייד?!

און אָט די נישט-יידישע צורה איז אין מאַרך און בלוט
ייד. און כאָטש ר׳איז יונג נאָך געווג, פילט ער שוין גוט,
וואָס עס הייסט אַ פרעמדער זיין אויף גאָטס גרויסער וועלט.
און אין אַ פרי-זומער-טאָג, ווען צעזוניקט, צעהעלט
דוט דער אַרום, קאָן ער דערפילן אַ ציטער פון קעלט
אין זיין לייב, און אַ לאַסט אַזאַ, וואָס דריקט אַזוי שווער,
אַז טאַקע נאָר אַ מערכה די זידיקע טרער,
וואָס רינט פון אויג אַראָפּ און וואַשט איבער דאָס געמיט —
דערפאַר הערט ער נאָך אָפט אַזעלכע ווייכע, שטילע טריט
פון אַ ראָזן באַגינען און דאָס בשורה-ליד
פון מאָרגן-פויגל, וואָס טרילערט אַ שיכורער פון פרייד:
וואַכט אויף, זייט גרייט, דער מאָרגן גייט, צי זענט איר גרייט?

מיין ברודער קוקט אויס דעם מאָרגן, אוי קוקט ער אים אויס!
ער וואָלט, אפשר, נישט פאַרלאָזט דאָן אַזוי יונג דאָס הויז,
ווו ר׳איז געבוירן, אַזוי ווי ס׳האָבן עס פאַרלאָזט
די עלטערע ברידער און אַוועק. ס׳אַ שאָד! כאָטש דער פלאָט
איז צעבראָכן, צעלעכערט דער נידריקער שינדל־דאַך,
און ווי דער טאַטע זאָל נישט פאַרלאַטען, פעלט נאָך אַ סך
גאַנץ צו מאַכן די לעכער און פאַרהיילן די ריסן,
און דער רעגן האָט אַ מאָדע זיך געמאַכט צו גיסן
אַקוראַט אין בעט אַריין, אויפן פּנים גראָד —
און דאָך איז אַ שאָד צו פאַרלאָזן די שטוב, ס׳אַ שאָד.

דעם אַנדערן חודש פאָרט ער אָפּ קיין בראַזיל
און די מאַמע בענקט נאָך אים שוין, זי וויינט אינדערשטיל.
נאָר דער ברודער, אָ דער ברודער, ער האַלט זיך ווי אַ מאַן!
ער ווייסט — זאָגט ער — גאָרנישט, וואָס בענקשאַפט איז.
צי איז פאַראַן
אַזאַ זאַך טאַקע אויף דער וועלט? ס׳איז נאַריש יעדנספאַל,
זאָגט דער ברודער מיינער, זייער נאַריש, און, בכלל,
ווער דאַרף עס? נאָר די מאַמע גלעט אים דאָן די ווייכע האָר
און פרעגט אים שטום: דו רעדסט דען וואָר, מיין קינד,
דו רעדסט דען וואָר?
אַוודאי וואָר! — ענטפערט ער — ווי דען! — נאָר ער קאָן נישט מער.
ער קוקט אויף דער מאַמען, און ווי ער זאָל די טרער
נישט פאַרהאַלטן, פינקלט זי און וואַקסט, ווי אויף הייוון.
גיט ער זיך אַ בויג אַוועק און זאָגט: ביסט אַ מבין?
פאַרפרישעט זיך די אויגן! און ער מאַכט נאָך די תנועות:

נעמט אָן מיט די שפּיצן פינגער יעדע וויעס,
הייבט זיי אויף עטוואָס און דריי מאָל צו דריי שפּייט ער,
ביז עס ווערט אים בעסער... און דאַן לאַכט ער ווייטער
אַלע שוואַכקייטן אויס, אַט דער האַרטער, פעסטער מאַן:
בענקשאַפט? וואָס איז דאָס? צי איז אַזוינס גאָר פאַראַן?

מיין ברודער האָט ליב נישט דאָס עלטערן-הויז גראָד,
נאָר אויך די פעלדער אַרום דער שטאָט
האָט ער ליב. און זומער פאַרטאָגס, נאָכן קריי פון האָן,
נאָך איידער דאָס מאָרגנרויט דעם הימל צינדט אָן,
איז ער וואַך שוין, דער ברודער. ר'האָט אַמליבסטן די שעה
פון באַגינען. ווען דאָס שוואַרצע ווערט בלאָ און דאָס בלאָ
ווערט העל. ווען אויפן ווייס-פאַרנעפּלטן רוקן פון וואַלד
רייט די זון אַ צעפלאַמטע און באַגילדט אים באַלד
מיט איר גאָלדענער שפּע. דער נעפּל פאַרשווינדט
און דאָס פרישע שמעקעוודיקע ווינטל גלעט אַזוי לינד,
אים פרעגנדיק צאַרט: האָט עמעץ דיר ווי געטוען, קינד?
פאַרוואָס ביסטו בלייך? ביים ברודער גייען די אויגן איבער:
אַדיע, ווינטעלע, אַדיע, מיר שיידן זיך, ליבער.

אין די ווייטע פרעמדן וועט ער ליידן, מיין ברודער,
און צום לאַנד, וואָס האָט אים אויסגעשפּיגן, וועט ער ווידער
קומען. אויב נישט אויף לאַנג, איז אויף קורץ, כאָטש אַ קוק טוען
אויף דער היים, וווּ ר'האָט זיינע בעסטע גליק-שעהן
פון דער קינדהייט פאַרבראַכט. אויף דער קליינער, געמיינער שטאָט,
אויפן שטויביקן מאַרק, און דעם ברונעם מיטן ראָד,

אויפֿן אָרעמען שול-הויף, אויפֿן שמוציקן באָד,
אויפֿן בלומען-שטעג, וואָס ציט זיך נאָכן גלחם סאָד,
ווו דאָס ערשטע מאָל, בעתן שבת-שפּאַציר,
ר'האָט אַ צאַפּל געטוען, זיך טרעפֿנדיק מיט איר.
אָ, ס'ציט אַזוי ס'שטעטל און די פֿאַרגאַנגענע צייט
און נאָך טויזנט מאָל שטאַרקער, ווען מ'איז אַזוי ווייט.

און אין שטעטל רעדט מען: ווי דען? אַז קינדער זענען לייט!
פֿאָרט מען אַוועק, אַז ס'איז נישטאָ דאָ, וואָס צו טוען.
הערט עס די מאַמע און זי זאָגט: אויף שונאי-ציון!
רבונו של עולם, זיי זאָלן נאָך וויסן
דעם טעם פֿון אַ מאַמען, וואָס איז אָפּגעריסן
פֿון איר פֿלייש און בלוט, נעבעך, לעבעדיקערהייט,
און לעבן אַזוי ווי איך אַ לעבן אָן פֿרייד,
אין האַרץ-ווייטיק שטענדיק, אָן אַ טעם, אָן אַ זין —
נאָר אונזערע שונאים זאָלן וויסן דערפֿון!

און דער ברודער — אָפּט שטייט ער פֿאַרבענקט, דער ליבער,
און קוקט אויפֿן אַקאַציע-בוים, וואָס בליט קעגנאיבער,
פֿאַר די פֿענצטער פֿון אונזער שכן, סטאַך, דעם שוסטער.
גייט אַ רעגנדל, גייט עס. טאָמער נישט, באַגיסט ער
זיין גערטנדל אַליין נאָך דער אַרבעט פֿאַרנאַכט.
זיין ווייב רופֿט די חזירימלעך צוזאַמען און פֿאַרמאַכט
דאָס טויער. קומט אין גערטל אַריין און העלפֿט-צו עטוואָס
איינגעבויגענערהייט: רייסט-אויס דאָס שלעכטע, ווילדע גראָז,
די בלומען זאָלן בעסער און שענער זיך צעבליען.

אונ אָט האָט דער מאַן אויף די בלומען אַ גאַס געטוען,
און גאַנץ אומגערן, צי אפשר גאָר טאַקע מיט אַ מיין,
באַשפּריצט, חוץ די בלימלעך אַלע, אויך יאַגושן אַליין,
זיין יונג, פריש ווייב, וואָס קניט אָט־אָ־דאָ לעבן אים
און איז, ווי ס׳דאַכט זיך אים, די סאַמע שענסטע בלום
אין זיין גאָרטן.

דער אָוונט לעשט זיך און גייט אויס.
דעם שכנס שייבלעך לייכטן־אויף און ס׳שלענגלט זיך אַרויס
אַ דין, בלוי רויכל אינדערהויך, טראָגט די שטערן אַ גרוס:
ווי רואיק שטיל דאָס לעבן פליסט דאָ און ווי גוט עס איז
געזונט צו זיין און יונג צו זיין און — אַ גוי, אַ קריסט...

מיין ברודער — נישט ר׳איז מקנא, נישט אים פאַרדריסט
די פרעמדע פרייד. און אויב דאָס אויג גייט אים איבער,
איז עס נישט צוליב קנאה צו גויאישע שטיבער,
נאָר דעם שטערן צוליב, וואָס ווינקט אים פונדערווייטן:
כ׳וועל באַגלייטן דיך אין וועג אין ווייטן, כ׳וועל באַגלייטן.

און טיילמאָל קוועלט אַזאַ לויטערע פרייד אין זיין געמיט,
אַז צום טאַנץ ווערט פאַרוואַנדלט זיין יסורימדיקער טריט
אויפן דאָרניקן, צאַרניקן אומוועג פון זיין וועלט,
און זיין בליק ווערט פלוצים ווי פון שיכרות צעהעלט,
פון אַלט־יידישער שיכרות... אָן בראַנפן, אָן ווייַן:
עך זאָרג נישט, מאַמע, ס׳וועט אונז גוט נאָך זיין!

קוקט זי אים, די שטילע טויב, אין די אויגן אַריין

און פֿאַרוואונדערט זיך זייער און זי גליײבט עס זיך קוים:
אין זיין אויג ליגט פֿרייד צעצוויטערט ווי אַן עפּל־בוים
אין חודש סיוון. און שוין גאַר־גאַר אַ זעלטענער טרוים
האָט זיך שפּעטער איר געחלומט:

ס׳איז מאַרק־טאָג, יאַריד.
אַ לאַנגע קייט פֿון וועגענער ציט זיך און ציט.
און ווי אַ פֿעלד פֿון ליין, גריקע און זשעפּאַק וואָלט געבליט,
מיט רויטע, ווייסע, בלויע בלימעלעך אינדערמיט —
אַזוי מיניען בלוזקעס און געשפּרענקלטע טיכער
אויף די קעפּ פֿון די פּויערטעס. רואיק און זיכער.
זיצט זיך יעדע איינע. דאָס קיישעלע לעבן איר.
און יעדע איינע טראָגט דאָס פּרימאַרגן־ליכט ווי אַ ציר,
ווי אַ לופּטיקן שאַל פֿון זונגאָלדיקן קאָליר.
און די זון איז גוט צו זיי. זי האָט ליב אָן אַ שיעור
דאָס גייעס. מיין מאַמע גייט אַרוים פֿאַר דער טיר,
שטעלט אָפּ אַ קומע און פֿרעגט: וואָס האָסטו פֿאַר מיר?
און צו וויפֿל איז פּוטער? צו וויפֿל איז אייער?
מיין זון פֿאָרט אַוועק, דער ליבער און געטרייער.
כ׳וועל אים מער שוין נישט זען, ווי לאַנג איך וועל לעבן,
וויל איך אים צוזען און דערלאַבונג כאָטש געבן,
אַזוי לאַנג נאָך ווי כ׳האָב אים — טאָ רעכן נישט טייער.

נאָר מיט אַ מאָל — — — די מאַמע דערשרעקט זיך זייער —
די קומע ווערט גרוים און ברייט, אַז די גאַנצע גאַס

פאַרנעמט זי און זי שפּייט און שרייט אין ווילדן כעס:
פאַר דיר און דיין זון האָב איך גאָרנישט מער ווי האַס!
און טויט! און פאַרוויסטונג! און ווי זי שפּייט און שרייט אַזוי,
צינדט זיך אָן אונדזער דאַך, ווי אַ סטאָיג פון שטרוי,
און צייט אַ רגע איז דאָס גאַנצע הויז אין פלאַמען.
פאָכענדיקע בייטשן קנאַלן איבער דער מאַמען,
וואָס שטייט, נעבעך, ווי געלעמט פון קלעפּ, שרעק און שפּאַט
און קאָן גאָרנישט רעדן. אַפילו נישט דאָס וואָרט: ג אָ ט !
וואָס בעט זיך אויף די ליפּן. זי פאַלט אויף דער שוועל — — — —
און פּלוצים — די שווערקייט פאַרשווינדט. אַזוי לייכט ווערט
און העל.
פון די אויגן — גאָט צו דאַנקען! — רינען שוין טרערן
און פרייד צעפינקלט זיך ווי דער ערשטער שטערן.

דאָס ווילדע גייעס ציט זיך צוריק. אַנטלויפט אַוועק.
און די שטומע, באַטויבנדיקע, לעמענדיקע שרעק,
וואָס האָט די מאַמען געשטיקט און פאַרהאַלטן איר געשריי,
באַפרייט זי מיט אַ מאָל און גייט איבער צו זיי...
ווי וואָלטן זיי געשליידערט די בייטשן פון די הענט!
נאָר זיי קענען נישט... יעדע האַנט ווערט שטייף און זי ברענט,
ווייל די בייטש האָט זיך פּלוצים פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַנג
און זיך איינגעזויגן ביז בלוט און געזויגן לאַנג.

און אַלץ קומט פאַר אַזוי האַסטיק ווי אַ בליץ, אַ געדאַנק,
אַז זי ווייסט נישט אַליין, ווי אַזוי ס׳איז געשען.

נאָר פּלוצים האָט די מאַמע איר זון דערזען:
אויפן העלן וועג־דאָרט גייט ער, וואָס ציט זיך אינדערוויט
מיט פּאַשע־פעלדער, ווינט־מילן און דערפלעך ביי דער זייט.
און דאָס גייעס — ווי וואָלטן זיי איינגעזונקען גערן...
זיי ציטערן־אויף ביים מינדסטן נייג פון זיין שטערן,
ביי אַ בויג פון זיין פינגער. גאָט — שעפּטשעט די מאַמע — אַ דאַנק!
צו אַזאַ מינוט האָבן געגאַרט דורות לאַנג,
און איך, דיין דינסט־מויד, האָב זוכה געווען דערצו — — —

און ווען ז'האָט דערוואַכט פון איר חלום אינדערפרי,
איז זי אַ צייט אַרומגעגאַנגען אַזאַ שטילע,
אינערלעך פאַרקלערט און דערהויבן ווי אַ תפילה,
שוואַרצע קיך־אַרבעט געטוען און געבענקט נאָך איר טרוים,
וואָס איז בלויער נאָך געווען ווי די פלוים אויפן בוים.

און אָט דער חלום פון מיין מאַמען ציטערט אויך אין בלוט
פון אונז אַלע: געדריקטע, באַליידיקטע. אַזוי גוט
אין דעם זינדיקן צווישן אונדז, ווי אין דעם פרומען.
מיר אַלע ווייסן: משיח איז נאָכנישט געקומען
און אַז קומען וועט ער, מיר צווייפלען נישט דאַרין
און אַלע ווי איינער קוקן מיר אוים דעם באַגין.

קום אַהער נענטער אַ ביסעלע, וואָס שטייסטו אינדערזייט?
טרינק לחיים. מילאָ, כ'האָב געמיינט אַ מאָל, וועסט זיין אַ לייט —
שטראָפט זיינוועלע דעם ברודער — און וואָס האָסטו
דערגרייכט, וואָס?

כ׳מיין טאַקע... שאַבסט דיר די מאָרדע אויף בלוי? איז מאַלע וואָס...
אדרבא, שפּיגל דיך איין. עצבותדיק, ברוגז. די נאָז
אַראָפּגעלאָזט... הפנים ס׳טויג נישט, אויב דיך אַליין
פאַרדריסט עס... ממא, דרייט מען אוים דעם דישל, קאָנסט נאָך גיין
צוריק. רבותי, מען וועט אים אָננעמען צוריק, וואָס ניין? —
ווענדעט ער זיך צום עולם.

— לאָז אים, זיינוול, לאָז אים געמאַך —
בעט דער טאַטע — ר׳איז נישט אַוועק, חלילה, קיין סך
פון אונז. — קום אַהער צום טיש, ווילסט אפשר עסן?

און באַלד איז דער ברודער צווישן עולם געזעסן
און זיינוועלע מורה הוראה האָט נישט פאַרגעסן
אַרויסצווייזן אין וועלט־זאַכן זיין גרויס בקיאות,
אַז כאָטש ר׳האָט נישט דורכגעמאַכט קיין ווייטע נסיעות,
קאָן ער דעם גאַנצן כדור־העולם. בנאמנות!
— פאָרסטו מיטן ים הגדול, צי מיטן אוקינוס?
ווי? זאָג נאָר נאָכאַמאָל! אַטלאַנטיק? כ׳זע שוין: ביסט אַ תם!
אַז ס׳איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט אָט אַזאַ מין ים!

און אין קיך האָט די מאַמע זיך געפּאָרעט נישט אַליין.
דאָס שוועסטערל איז געקומען צו גיין פון פאַראיין
אַ צעשטראַלטע פון פרייד מיט אַ בשורה אַזאַ:
ז׳איז באַשטעטיקט געוואָרן, סוף כל סוף, אויף האַכשאַ׳ראַ!
און ווען די מאַמע האָט געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך,
האָט דאָס שוועסטערל, נאָך פיל מי און רייד אַ סך,

דער צעוויטיקטער מאַמען צו פאַרשטיין געגעבן:
זי וועט איצט אָנהייבן אינגאַנצן אַ ניי לעבן.
אוועק פון דער היים קודם כל (ווי דער ברודער אַמאָל,
איידער ר׳איז אַפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל).
—וואָס זי וועט טוען אויף האַכשאַראַ? — אַרבעטן.

— גרינג, צי שווער?
— דאָס ווייסט זי נישט. דאָס גייט זי נישט אָן. און וואָס
איז דער מער

אויב שווער? דערנאָך וועט זי צוריקקומען דאַ אַהער
אויף אַ קורצער צייט. מען קען נישט וויסן אַקוראַט
אויף ווי לאַנג — ביז זי וועט קריגן אַ סערטיפיקאַט.
— וואָס דאָס איז אַזוינס? אוי, אפילו דאָס ווייסט דו נישט —
די שוועסטער האָט אַרומגעכאַפּט די מאַמען און געקישט
זי לאַנג: מאַמע, מיין ליבע, געזונט זאָלסטו מיר זיין!
דאָס איז דאָך אַ בילעט אין אונדזער לאַנד אַריין!
אַ בילעט אויף דער האַנט! איך בין גליקלעך אַזוי!
כ׳האָב דאָך אַזוי לאַנג געוואַרט! וואָס איז עס, מאַמע?! אוי,
דו וויינסט גאָר?! איך האַלט עס נישט אויס! אַצינד, אַצינד
דוויינסטו גאָר?!

די מאַמע האָט שטיל אָפּגעזיפצט: — מיין קינד —
האָט זי געזאָגט — כ׳וואָלט אַזוי גערן זיך מיטגעפרייט
מיט דיר, נאָר איך קען נישט. ס׳טוט מיר אַזוי לייד
אייער צעפאָרן זיך, אַזוי לייד. לעבעדיקערהייט
וועל איך זיין פון אייך אַזוי ווייט, אַזוי צעשיידט,

פונקט ווי געשטאָרבן. — כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד,
איידער אַזאַ לעבן — — —

איז גלייכער לעבן צוזאַמען,
האָט די שוועסטער נישט געלאָזט פאַרענדיקן די מאַמען —
נו גוט, וועט מען שיקן אַ דרישאַ, אַ האַמלאַצאַ
און — אוים זאָרג!

וואָס איז דאָס פאַר אַ האָקוס־פּאָקוס אַזאַ,
וואָס היילט די זאָרגן אַלע? אוי, קינד, דאַרף איך עס נייטיק —
האָט די מאַמע זיך אָנגעכאַפּט. — כ׳האָב אַזוי פיל ווייטיק,
מיין קינד, אַזוי פיל, אַז איך גלייב שוין נישט אפילו,
כ׳זאָל אויסגעהיילט ווערן. און פּלוצים האָסטו אַ סגולה
צו אַלע זאָרג! וואָס איז דאָס? טשעקאַווע צו וויסן,
אפשר פאַרט עפּעס, כ׳ווייס?

און נאָך אַ קורץ שמועסן
איז די מאַמע געוווּיר געוואָרן, אין וואָס עס באַשטייט
די רפואה: ווען די טאָכטער וועט געזונטערהייט
קומען קיין ארץ ישראל, וועט זי באַלד אינדערגיך
דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַראָפּנעמען צו זיך
און זיי וועלן זיך זען און צוזאַמען בלייבן
און דערנאָך וועט מען נעמען און מ׳וועט שרייבן
בריוו צו די ברידער און שוועסטער אין אַלע עקן וועלט:
זיי זאָלן נעמען דאָס ביסל בעבעכעס און געלט,
אויב זיי האָבן און אַהערקומען אין לאַנד אַריין

מיט די מאַנען, ווייבער, קינדערלעך זאָלן געזונט זיין;
ווייל ערשטנס — בענקט מען אַזוי נאָך זיך.
מען גייט אוים! און גלאַט,
ס'איז קיין תכלית נישט אָט־אַזוי־אַ: תמיד נע ונד
ביי פרעמדע טישן אָפּצופּינצטערן אַ לעבן.
אַז גאָט האָט שוין יאָ אַן אייגן ווינקעלע געגעבן,
איז אַלע צוזאַמען אויפן קליינעם שטיקל ערד —
באַשטייסט, מאַמע?

איז די מאַמע געשטאַנען און געהערט,
־ער בליק אין זיך־אַריין געווענדט און אין זיך פאַרקלערט:
דאָס איז צו שיין, מיין קינד, עס זאָל מקוים ווערן —
האָט זי קוים אַרויסגעקרעכצט, געשטיקט פון טרערן —
אפשר שפּעטער, אַ מאָל, נאָר אַז איך זאָל דאָס דערלעבן?
זי האָט טיף אָפּגעזיפצט.

און ווען ז'האָט אַריינגעגעבן
די קליינע טעלערלעך מיט די אויסגעטיילטע פיש,
האָט דער טאַטע, וואָס איז געזעסן אויבנאָן ביים טיש,
באַמערקט אויף איר פּנים, ווען ז'איז אַריינגעקומען,
טרערן־שפּורן און ס'האָט אים איבערגענומען.
ווייל כאָטש אַ יידענע, און אַ טרער ווייניקער, צי מער
שפּילט נישט קיין ראָליע — ווייסט ער אָבער גוט ווי שווער
ס'איז איר לעצטנס דאָס לעבן, נעבעך. עך, סאַראַ שרעק!
זינט די קינדערלעך זענען פון איר נעסט אַוועק,
האָבן זיי מיטגענומען דעם זומער פון איר געמיט,

וואָס איז קלאָר געווען, ווי דער טייך, ווען דאָס וועטער ריט,
ווי דער עפּל-בוים אין חודש אָב: שוין אָפּגעבליט,
וואָס אַן אמת, דער שמעקעוודיקער, ווייס-ראָזער צוויט
אַראָפּגעפאַלן שוין לאַנג, און די זאַפטן רינען
לאַנגזאַמער ווי אַ מאָל, פוילער — אָבער נאָך גרינען
די בלעטער, און נאָך קוועלט עס, כאָטש פאַמעלעכערהייט,
דאָס לעבן אין בוים: אויב שוין נישט מער צוליב דער פרייד
פון אייגענעם בליען און וואַקסן — איז עס דערפון,
וואָס עס רייפן די עפּל איצט קעגן דער זון,
וואָס די צוציקלעך, די גרינע, ווערן רויט און גרויס,
און ליגן דאָך אַלץ נאָך, ווי קליינטשיקע אין שויס,
אין דעם צווייגעלע באַהאַפטן, אין דעם גרינעם בלאַט —
אַזוי אויך די מאַמע: כל זמן זי האָט געהאַט
די קינדער לעבן זיך, אין איר נעסט דער ליבער,
איז די פרייד פון זייער וואַקסן אויך צו איר אַריבער.
און ז׳האָט מיטגעבליט מיט זיי אין אירע מיטעלע יאָרן.
נאָר זינט זיי זענען זיך אין דער וועלט צעפאָרן,
האָט דער האַרבסט מיט אַ מאָל אַ קלאַפּ געטון אין טיר,
און אַזאַ איבערקערעניש איז געוואָרן אין איר,
אַז ז׳האָט קיין אָרט זיך נישט געפונען און אָפּט געוויינט.

עס טרעפט: זי זיצט ביים טיש, די ברילן אויף דער נאָז און לייענט
שוין צום הונדערטסטן מאָל אוודאי ס׳בייגעלע פאַפּיר,
דאָס צעקנייטשטע, וואָס זי האָט מיט אַ וואָך, צוויי פריער
אויף פּאָסט דערהאַלטן, און ס׳ליגט נאָך אַלץ אין בוזעם ביי איר,
ווי אַ קינד ביי דער ברוסט, און זי וואַרעמט עס אוים.

און גאַנץ אָפּט נעמט זי עס פון איר בוזעם אַרויס,
טוט אָן די ברילן, די דראָטענע, נעמט צוזאַמען
די געדאַנקען און לייענט: צו מיין ליבער מאַמען...

און טיילמאָל האַקט זי איבער דאָס לייענען, בלייבט שטיין.
שווייגט אַ ווײַלע און הייבט אָן רעדן צו זיך אַליין.
אָט שטרענג, ווי אַ פאַרוואורף, און אָט אַזוי היימיש־זיס,
ווי צו אַ קינד. און דעם נאָמען, פון וועמען עס איז
דער בריוו, חזרט זי איבער כסדר: אוי, מיין קינד,
כ׳האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט ליב געהאַט ווי אַצינד,
זוען דו ביסט נישט דאָ ביי מיר... און וועסט שוין קיינמאָל ניט זיין...

אַזוי זיצט זי און רעדט; נאָר ווי גיך עס קומט ווער אַריין,
האַקט זי איבער די רייד און געשווינד לייגט זי איין
דאָס צעקנייטשטע, פאַרטרערטע בייגעלע פּאַפּיר,
און אָט ליגט עס שוין צווישן די בריסטן, ווי פריער,
צאַרט פון זיי געגלעט און געוואַרעמט פון איר בלוט.

דער טאַטע באַדויערט זי. ווייל ער ווייסט אַזוי גוט
דעם צער אירן און איר דאַרניקן וועג, דעם שווערן
און אויך איצט, דערזעענדיק די שפּורן פון טרערן
אויף איר אויסגעבלייכט פּנים, איז ער אויפגעשטאַנען
און פּאַמעלעך אין קיך אַריין איר נאָכגעגאַנ׳ען:

— וואָס איז שוין ווייטער געשען? וואָס איז שוין ווידער, האַ?

— גאָרנישט. — זאָגט די מאַמע. — זי פאָרט שוין אויך אויף האַכשאַראַ!

— ווער זי?!

דער טאַטע איז מיט אַ מאָל שטיין געבליבן
אויסטערליש פאַרוווּנדערט. ווייל אויב די עלטערע זיבן
זענען אַוועק, און דער יינגסטער זון אַ חוץ זיי,
וואָס פאָרט אויך שוין באַלד אָפּ — איז כאָטש עס טוט אַזוי וויי,
און ביי יעדנס אָפּפאָר נעמט אַזאַ ווייטיק אַרום,
און מען שטייט אַזוי נאַריש אומבאַהאָלפן און שטום,
ווי פאַרן טויט, און ס'איז באַנג אַזוי, אַ שאָד יעדער,
און שווער, שווער, ווי ס'וואָלטן די אייזערנע רעדער
פון וואַגאָן, וווּ אַ טאָכטער פאָרט אָפּ, אַ זון אַ ליבער,
איבערן טאַטנס ביינערדיקער ברוסט אַריבער —
אַז כאָטש אַזוי פיל ווי ליגט אויף דער דנאַי, איז שווער אַ וואָרט
אַרויסצורעדן און מען שווייגט — פונדעסטוועגן פאָרט
האָט דער טאַטע נאָך זייער אָפּפאָר זיך געטרייסט:
זיי וועלן בריוו שרייבן, די קינדער, און אפשר, ווער ווייסט,
גאָט קאָן העלפן. מען וועט זיך נאָך זען אַ מאָל אויך,
און חוץ דעם אַלעם — אַ ברירה האָט מען? אין תוך
האָבן זיי דאָך געמוזט אַוועק. ווי גרויס דער וויי
זאָל נישט זיין. וואָס? די קאָנציליאַר שטייט אָפן פאַר זיי?
די געמינע? כאָטש קענען קען מען, אַלץ הייסט מ'קען!
נישט איין גויאישער כמאָל וואָלט זיך ווינטשן אַזאַ פּען
צו האָבן אין דער לאַפּע, ווי זיין קינד האָט אין דער האַנט...
נאָר — יעדער הונט אויף זיין מיסט. און זיין קינד האָט קיין לאַנד,
און זיין קינד איז אַ פרעמדער דאָ און מוז אַוועק!

קיין פּאַריז, בראַזיל, קאָלאָמביע, ווו די וועלט האָט אַן עק,
אַ תכלית זוכן! — אָבער אָט־אָ־די? די? די?!

מער פון אַלע קינדער האָט ער ליב געהאַט זי,
ווי איינגעבאַקן אויך די איבעריקע זאָלן נישט זיין, —
איז זי דאָך די יינגסטע געווען פון אַלע ניין!

ער געדענקט נאָך, ווי היינט, דעם שמחת־תורה ביינאַכט,
ווען אָט דאָס טעכטערל האָט זיך פון דער מאַמעס טראַכט
אַרויסגעפּיקט. זי איז געבוירן געוואָרן שיין, קלאָר;
אַזאַ ליכטיק, פול קערפּערל און אַ פולער קאָפּ האָר.

דער טאַטע האָט געוואַרט ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן,
און דאַן איז ער געלאָפן די בשורה אָנזאָגן:
דעם רבין רב יהושעלען, דעם פעטער ישעיהן,
דעם מורא הוראה. ווייטער צו דער מומע חיהן
און דער רעשט משפחה איז ער נישט געגאַנגען אַליין.
עס האָט נישט געפעלט, געלויבט צו גאָט, ווער עס זאָל גיין.
די באָבע שפרה, אַ גוטע מליצה זאָל זי זיין,
האָט דערשפּירט, ווי עס פליסט צוריק אין אירע לענדן אַריין
די זאַפטן פון דער יוגנט, און זי איז די גאַנצע שטאָט
אַרומגעלאָפן, ווי אַ יונגע אינדיק — גאָטס גענאָד
צו דערציילן. און אַזאַ שמחה, אַזאַ פרייד אָן אַן ענד
האָט זי דערפילט אין זיך, אַז מענטשן, וואָס ז'האָט נישט געקענט
צומאָל, האָט זי אינמיטן דער גאַס אָפּגעשטעלט
און זיי דערציילט דאָס גרעסטע נייעס, וואָס האָט אויף דער וועלט

פּאַסירט נעכטן ביינאַכט: געלויבט צו גאָט!... די טאָכטער מיינע...
דערלעב ביי די קינדער און ביי די אייניקלעך דיינע
און ביי די אוראייניקלעך, ביז קינדס-קינדס-קינדס-קייט,
ביז משיחן...
און אַזאַ גרויסע פרייד
איז אויפגעגאַנגען אין איר און געציטערט אין די רייד,
אַז ז'האָט דעם פרעמדן מיטגעכאַפּט, ווען ר'האָט דאָס דערזען:
— אָמן! דערלעבטס עץ אויכעט! ווען זשע איז דאָס געשען?
— דיע נאַכט, טייערער, דיע נאַכט... געזונט און שטאַרק זיי... —
און זיי האָבן זיך צעשיידט, ווי אַלטע באַקאַנטע צוויי.

דער טאַטע געדענקט אויך דעם שמחת-תורה אינדערפרי.
און איצט שטייט ער און קאָן נישט באַגרייפן: ווער? זי?!
זי פליט אויך שוין אַוועק? זי?! אויך שוין האַכשאַרע?

און ער זעט זי אַ קליינס נאָך, אַ פּיצלדיקס אַזאַ,
צוויי שפּאַן די גרויס, נאָר דריגעט מיט די פיסלעך — אַ שרעק,
און מיט די פויסטלעך וויל זי אָנכאַפּן דעם זונענפלעק,
דעם ליכטיקן, אויף דער וואַנט און קאָן נישט באין אופן.
און איצט, קוים אויפגעוואַקסן אַ ביסל — און שוין! אַנטלויפן!
און פאַרוואָס קומט עס אים אָפּצוטון אַזאַ מין קראַם?
נאָך ווייניק קינדער אַוועק פון אים מעבר לים,
און פאַר טאַטע-מאַמע געשטאָרבן לעבעדיקערהייט?!
מעג זיי, אפשר, באַשערט זיין כאָטש אַ נאָגעלע פרייד,
פון יינגסטן קינד? כאָטש אַ ברעקעלע יידיש פאַרגניגן?

לאָמיר זאָגן: טאַקע אַ לייטישן חתן קריגן,
חתונה האָבן און לעבן, ווי גאָט האָט געבאָטן —

ווער? זי?! — מער קיין וואָרט. נאָר אינעווייניק האָט געזאָטן
אומבאַהאָלפענער כעס, און ר׳האָט זיך איינגעהאַלטן שטאַרק.
— ווער? זי?! — האָט ער בלויז איבערגעחזרט — אָט דער סמאַרק!!!

אָבער דאָס לעצטע וואָרט זיינס גלויבט ער נישט אַליין.
ווייל אויף להכעיס איז זי היינט אַזוי זעלטן שיין!
און גראָד איצט טאַקע האָט ער דערזען, ווי צעבליט
זי איז, ווי שלאַנק זי איז, ווי עס זינגט יעדעס גליד
אין איר, און ווי ס׳פּאַליעט זיך פרייד אין אירע גאָלדענע האָר.
ס׳אַנאַרישקייט — נאָר ר׳האָט זי ליב, דאָס טעכטערל, ביז גאָר.
דאָס אויג גייט אים פּלוצים איבער און ר׳האָט מורא: אַ טרער
קאָן נאָך אַראָפּרינען! און ער איז דאָך נישט קיין יידענע ער,
ער זאָל וויינען! אַנטלויפט ער פון קיך, אויפגערעגט שטאַרק,
און רעדט אויפן קול. זי זאָל הערן: אַזאַ סמאַרק! אַזאַ סמאַרק!!!

„ביי זיין לעבן האָט קיינער נישט געוווסט, ווי גרוים ער איז" —
וועגן רב פּייוועלען, זכרונו לברכה, איז דער שמועס
געגאַנגען, ווענמען יאָרצייט ס׳פּאַלט־אוים היינטיקע וואָך.

דער גאַנצער עולם, וואָס זיצט דאָ, געדענקט אים נאָך
און מיין ברודער אויך. ווייל ר׳איז קליינערהייט, צוריק מיט יאָרן,
צום „ישמח ישראל" קיין אַלעקסאַנדער געפאָרן
און אים דאָרט געזען: באָרד און פּאות פון גאָלד־קאָליר,

אין די מאַנדל־אויגן — גוטסקייט אָן אַ שיעור.
ביים בעלעמער אונטן איז זיין אָרט, קעגנאיבער דער טיר;
דעם טלית איבערן קאָפּ אַריבערגעצויגן,
בכדי די וועלט, דעם אַרום פאַר די אויגן
נישט צו זען — שטייט ער אַזוי און דאַוונט אַ שעה, צוי מער.
נאָכן דאַווענען קומט אַ קרענצל חסידים דאָ אַהער
גוט יום־טוב ביטן. ווייל כאָטש ר'איז אַ ברודערנזון בלויז
דעם רבינס, ווייסן אָבער טייל חסידים ווי גרויס
ער איז. דער רבי רופט אים „דאָס גאָלדענע מויל".
און טאָקע — ער שווייגט שטענדיק, זעלטן הערט מען זיין קול. —

און ווייל אַזאַ איז ער געווען, איז טאָפּל דער גרויל,
ווען מען דערמאָנט זיך, ווי אַזוי איבער אים, דעם גוטן,
איז דער טויט געקומען און ווער ס'האָט איבערגעשניטן
דעם זיידענעם פאָדעם פון זיין לעבן אומגעריכט, גיך!
ווייל, ווען גאָט דער אַלמעכטיקער, וואָלט אים צו זיך
גענומען, און מיטן טויט פון אַלע וואָלט אויך ער
געשטאָרבן — איז כאָטש ס'איז פיינלעך דער טויט און שווער
איבערצוטראָגן, און כאָטש מדבר־גליאיק איז די טרער
אין אויג, דער ווייטיק גרויס און נאָך גרעסער די שאַנד,
אַז מיר, מיר, די באַלעבאַטים פון דער וועלט, וועמענס האַנט
האָט אַזוי פיל דערגרייכט, אַזוי פיל, אַזוי פיל,
זענען קנעכט דאָך פאַרבליבן פון יענעם גרויזאַמען שפּיל —
און ס'איז דאָס שווערסטע פאַר אַ הערשער צו דינען אַלס קנעכט —
דאָך וואָלטן מיר געזאָגט: גאָט און זיין משפּט איז גערעכט
און ער ווייסט בעסער, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט

ווי מיר — דאָך אונדזער בלוט, אומזיסט פון מענטשלעכע הענט
פאַרגאָסן, וועט נישט רוען! אייביק, אייביק, אָן אַן ענד,
וועט עס שוימען, זידן און צום הימל שרייען!
ביז אויסגעמעקט וועט ווערן דער לעצטער קין
פון דער ערד, און זיין נאָמען וועט מען אויסשפּייען
זיבן מאָל און מער און מיט קללות באַגלייטן.
דעמאָלט וועלן אַראָפּפאַלן אויך אונדזערע קייטן,
און די ערד וועט שמייכלען ווי נאָך קיינמאָל ביז אַהער —
אָבער ביז דאַן — אויף אייביק פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער,
וואָס שפּאַט-אויס אונדזער ווייי און לאַכט-אויס אונדזער טרער
גליאיק, בריאיק ווי די מדבר אין בענקשאַפט נאָך רעגן —
טיילמאָל זעט זי אין חלום: ברייט-געבאַנטע וועגן
גאַרטלען זי אַרום. קוואַלן רוישן. און פון איר בויך
דעם עקרותדיקן וואַקסן ביימער הויכע — מיר אויך:
אונדזער חלום איז אָפט אַזוי וווּנדערבאַר שיין,
ווי מיאוס ס'איז דער היינט, ווי נידערטרעכטיק געמיין
ס'איז די וואָר, אַז טאַקע נאָר צו קריצן מיט די ציין
אויף איר און שעלטן און וויינען. נאָר אינמיטן דעם געוויין
קומט דער חלום איבער אונדז און מיר בלייבן שטיל.
די לופט ווערט זאַנפט און בלוי און די וויטיקן, ווי פיל
און ווי ביטער זיי זענען, פאַרוואַנדלען זיך מיט אַ מאָל
אין געזאַנג, און, נאַ זע: מיט לייכטע טריט איבער דעם טאָל,
קוים-קוים אָנרירנדיק די ערדפלאַך, שוועבן זיי.
די ברייטע, לופטיקע מאַנטלען, ווייסער נאָך ווי שניי,
פלאַטערן אין חלל. די הענט צום הימל געצויגן.
און נאָך ריינער ווי די שטערן פינקלען זייערע אויגן.

שטראַלן-ריטער וואַרפֿן זיי אומעטום, אומעטום,
און קערן אוים ווי מיט בעזעמס דעם חושך פֿון אַרום.
און מילד איז דאָס ליכט און האַרב. אי עס גלעט, אי שטרענגערהייט
באַשטראָפֿט עס: די שאַרפֿע האַק, דעם שוואַכן צו מאָרדן גרייט,
האָט צום מערדער זיך געקערט און אים זעלבסט געטייט.
דעם געפּענטעטן מיט שטריק האָט עס אויפגעבונדן.
דעם פֿאַרווונדעטן האָט עס אויסגעהיילט די ווונדן
און די צעזייטע-צעשפּרייטע, פֿון האָס פֿאַרטריבן,
פֿון אַלע עקן וועלט זיי צונויפגעקליבן,
צוזאַמען זיי געברענגט אונטערן היימישן דאַך
און זיי רעדן צווישן זיך אויף אַ שותּפֿותדיקער שפּראַך,
ווי אַ מאָל, אַ מאָל — איידער נאָך דעם שונאס האַנט
האָט זיי צעשיידט. — אָ, ווי גרוים איז איצט דעם שונאס שאַנד!
דעם קאָפּ געזונקען, די האַנט אויפֿן האַרץ, קניט ער פֿאַר זיי.
פֿאַר זיי, וואָס די מאַנטלען זייערע זענען ווייסער ווי שניי
און העלע ליכט-שטראָמען פֿאַליען-נאָך זייערע טריט.
מיט ציטער-פֿרייד קוקן מיר אויף זיי און דערקענען גוט
אין אָט די הייליקע מחנות, וואָס שוועבן איבער ערד,
אונזערע קדושים. תּליות, פֿייער און שווערד
איז זייער טייל געווען דאָ! ס'האָט זיי אויך נישט געמיטן
דאָס וואַסער! אַלץ, אַלץ האָבן זיי אויסגעליטן:
געהאַנגען, געברענט, געשטאָכן און דערטרונקען!
נאָר — ביי גאָט! — אייער לעבן איז אומזיסט נישט פֿאַרזונקען!
מיר זעען אייך אין דער זון, אין די שטערן, וואָס ווינקען,
איר זענט אייביק ווי זיי און ווי זיי ברענגט איר ליכט
אויף דער ערד. און סיי ווען דער חושך אַרום איז געדיכט,

און סיי ווען ליכטיק ווערט, און ס׳שמייכלט פעלד און טייך —
שטענדיק לייכט איר אין אונז און אייביק געדענקען מיר אייך.

איצטער אויך, ביי דער סעודה פון מלך המשיח,
האָט דער עולם נישט אויסגעמיטן צו דערמאָנען זיך
אין איינעם פון די הייליקע. און דערמאָנענדיק אים,
איז אַ ציטער אַדורך איבער די לייבער, און שטום
און באַקלעמט האָט איינער אויפן אַנדערן געקוקט,
נישט קענענדיק אַרויסברענגען יענץ וואָרט, וואָס דריקט
אַזוי טיף אין דער נשמה, דעם גרויסן וויי,
וואָס שניידט און עגבערט און דעם לאַנג-דערשטיקטן געשריי,
וואָס ס׳האָט קיינער נאָך נישט אויסגעשריגן ביז היינט צו טאָג.
ווייל צו שאַרף איז דער ווייטיק, צו גרויס איז די קלאָג
און נאָך גרעסער די חרפה, אַז ווי איז אונדז און ווינד.
אַזוי שווייגט אַ מאָל אַ מאַמע ביים טויט פון איר קינד,
כאָטש דאָס האַרץ ווערט צעריסן און ווי אַ בלעטל אין ווינט
געשליידערט אין חלל — אַזוי איז דער עולם אַצינד
שטום געזעסן און שטאַר, נישט עפנענדיק דאָס מויל,
דערשלאָגן, ווי געלעמט פון יענעם שרעקלעכן גרויל,
וואָס יעדער איינער האָט אויפסניי פאַר זיין בליק דערזען
און אַזוי בולט, קלאָר, ווי ס׳וואָלט נעכטן ערשט געשען.

רב פנחס האָט דאָן נעכט גאַנצע שלאָפן נישט געקענט.
נישט אַזוי דערפאַר, וואָס דערפער אַרום האָבן געברענט,
און פון דער זומערדיקער נאַכט האָט עמעץ איר בלוי קלייד,
מיט זילבער געניים, געריסן, און פאַרשייטערהייט
דעם נאַכטיקן הימל צעפלאַקערט און צעצונדן —

אַ סך הייסער האָבן געברענט די טיפע ווונדן,
און רב פּנחסעס איינגעווייד האָט געוויינט אין די נעכט.
און איינמאָל, אינמיטן שלאָף, איז אים אַזוי שלעכט
געוואָרן, אַזוי בלייערן־שווער, ווי אַ הויכער באַרג
אַ ריזיקער וואָלט אים געדריקט, געקוועטשט. און אַזוי שטאַרק
האָט אים דער ווייטיק צוזאַמענגעצויגן די ברוסט,
אַז ר׳האָט שטאַרבן געקאָנט און ס׳וואָלט קיינער נישט געוווּסט,
ווען זיין זון וואָלט נישט באַמערקט. מען האָט אים דעריבן קוים.
ר׳האָט ברייט די אויגן צעעפנט, ווי איינער, וואָס פון תהום
קומט ער פלוצים אַרויס און דערזעט מענטשן אַרום,
לעבן און ליכט. אַ שטיקל צייט איז ער געלעגן שטום,
און דאַן האָט ער אָפּגעזיפצט טיף. און ס׳האָט אים געהיילט
אָט דער זיפץ, ווייזט אויס, ר׳האָט אָנגעהויבן רעדן, דערציילט
דעם עלטסטן זון זיינעם, ווי אַזוי ס׳איז געשען:
ר׳האָט פלוצים אין חלום רב פייוולען דערזען.
צוויי קאָזאַקן האָבן אים אויף דער תליה געצויגן
און ער האָט געשוויגן. נאָר די אויגן, די אויגן!
רב פּנחס האָט אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין,
און ר׳האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט שוין דערציילן מיין.

רב פּנחס איז געוואָרן דאַן אַ פייערדיקער דייטש,
און אין רוסלאַנדס מפּלה האָט ער געזען די בייטש
פון הימל. פאַר אונזערע צרות, פאַר אונזערע לייד!
און איצט מוצאי־שבת, ווען ס׳איז געקומען צו רייד
פון יענער שרעקלעכער גרויל אין דער צייט פון קריג,

האָט ער דעם ווייַ איבערגעלעבט ווי מיט יאָרן צוריק
און אַזוי שאַרף — ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געגעבן.

מירן אַלץ איבערטראָגן, אַלץ איבערלעבן —
האָט ער אויסגעשריגן — פעלקער שטאַרבן און ייִד בלייבט ייִד!
עי, רב פּנחס — האָט דער ברודער איבערגעהאַקט — דאָס ליד
איז לאַנג שוין צו אַלט, און דער וואָס רימט זיך דערמיט,
איז, אָדער ער פילט נישט, וואָס עס ברענט אונדז און בריט,
און ער זעט נישט דאָס מעסער, וואָס ליגט אויפן האַלדז,
אָדער ער פילט שוין יאָ, און זעט גוט אָט דאָס אַלץ
און וויל מיט פאַלשקייט זיך טרייסטן. ווייל וואָס קומט אַרויס
וואָס „ייִד בלייבט ייִד”? גיט אַ קוק, זעט, ווי מיר זעען אויס.
זענען מיר דאָך ביי די פעלקער אַלע אַ קללה
נאָך אַלץ און אַ חרפּה! אייביקע שרעק און בהלה
איז אונדזער לעבן! און אונדזערע געסלעך די שמאָלע,
ליגן אויפגעדעקט, פריי פאַר יעדן נבזהדיקן קנעכט,
וואָס וויל אַ הוליע טוען אין חשכות פון די נעכט,
צי אין העלן טאָג! און אונדזערע זין און טעכטער
וויטיקן און גייען אויס אונטער זיין געלעכטער!
און באַלד צומאָרגנס נאָך אַזאַ בלוטיקן שפּאַס,
זייט זיך מטריח, רב פּנחס, אויף אונדזער גאַס,
כ׳מיין קוקט זיך צו צום שטייגער, צום גאַנג פון יעדערן —
מען פּוצט זיך, ווי פריער, אין די פרעמדע פעדערן,
און מען הינטלט, ווי פריער, אויף דער שפּראַך פון די שלעגער!
ווער נאָך טוט אַזוי?! אַ ציגיינער? אַ נעגער?
ניין! נאָר מיר, מיר, מיר אַליין, די כלומרשטע בלום

פון די פעלקער! געגוג שוין דעריבער דער פאַלשער רום!
ייד בלייבט ייד — זאָגט איר? נו גוט, אָבער הינט בלייבט אויך הינט!
און האָט נישט קיין פּאַריבל. ווייל וואָס איך רעד אַצינד,
איז נישט פון קיין שנאה, חס ושלום, אָ ניין, ניין!

אָפט זידט אין מיר און קאָכט אַ דערשטיקט געוויין,
וואָס קומט צו גיין ווי אַ גזלן. כאַפּט מיך אָן פאַרן האַלדז
און ווערגט מיך. ווי וואָלט איך וועלן דאַן אויסוויינען אַלץ
און אַראָפּקאָלערן די משא, וואָס דריקט אַזוי שווער!
אָבער כאָטש דאָס בלוט רוישט, אין אויג בריט און גליט די טרער,
פאַרשטיי איך צו שווייגן. ווייל כ׳ווייס: ס׳איז נישטאָ ווער —
כאָטש עס ציען זיך צו אים פון בענקשאַפט די גלידער
וואָס זאָל קומען, אַרומנעמען ליב, ווי אַ ברודער,
און זאָגן: כ׳קען דיין משא, וואָס דריקט אַזוי שווער,
און איך קען אויך די בריענדיקע, גליענדיקע טרער,
כאָטש דו באַהאַלטסט זיך מיט זיי אין דיין ווינקל אַליין.
איך קען זיי, ווייל די משא איז מיין און די טרער איז מיין,
וואָס דו וויינסט אוים. — עמעץ וועט גלאַט אַזוי אַ פרעג טוען,
וואָס כ׳מאַך

מיט קאַלטער גלייכגילט, מיט פאַלטשן כיטרן לאַך,
מיט סוחרישער מאַניר און אויף אַ פרעמדער שפּראַך!

— זעטס נאַר, זעטס נאַר! אַ פרישער רבי רב צאַץ?
אַ נסתר? — און פיניעלע האָט געגעבן אַ גלאָץ
מיט די אויגן, אַ הייב דעם קאָפּ צום בעליק און אַן אוי
אַרויסגעזונגען.

און מיט אַ מאָל האָט ער זיך פאַרשעמט אַזוי,
דער ברודער מיינער, און שטיל געשטאַנען אַ צייט
די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

— נישט דאָס, אַז איך לייד —
האָט ער געשטאַמלט — האָב איך געוואָלט דערציילן אייך,
ווייל — וואָסי? סוף כל סוף ליידן מיר דאָך אַלע גלייך,
און וועלן ליידן, מיט גאָטס הילף, נאָך יאָרן אַ סך —
נאָר דאָס נאָכמאָלפּעווען נאָך! מיטן גאַנג, מיט דער שפּראַך!

— איז וועמען דערציילסטו דאָס דהיינו? אונדז? אונדז, די שוועניץ?
אַ מער גיב דיך אַ קער צו דער שמענטיליגעניץ,
צו דיינע לייט... אָט זיצסטו דאָך מיט מיר אַ גוטע שעה
און מיר שמועסן צווישן זיך — איך רעד, דאַכט זיך, יידיש דאָ,
וואָס, ניין? און וואָס איך טו דאָ, זעסטו דאָך אַליין.
אָט, אַ מלוה מלכה. אַ יידישע זאַך, וואָס, ניין?
מיין גאַנג? נאַ זע!

און פּיניעלע איז געבליבן שטיין
אין זיין גאַנצער הויך. אָפּגערוקט עטוואָס פון דער שטול,
ווו ר׳איז געזעסן, מען זאָל גוט קאָנען זען ווי פול
ס׳איז מיט לעבער זיין אַטלאַס-יופּיצע.

— קוקסטו? מעגסט קוקן!
דאָס איז דער פראַנט און איצט — — — —

און ר׳האָט מיטן רוקן
זיך אויסגעדרייט צום ברודער. און בנעימותדיק, נישט שנעל,

ווי, להבדיל, אין אַ שויפענצטער אַ מיידל־מאָדעל
פאַר די צענדליקער גאַפּעס, וואָס גלאָצן פונדערווייטן.
אַזש דער עולם ביים טיש האָט זיך ביי די זייטן
געהאַלטן — ווי געשיקט ר׳האָט דאָס געמאַכט, ווי פיין.

— וואָס זאָגסטו איצט אויף מיין גאַנג? יידישלעך, צי ניין? —
און פיניעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט שטאַרק צופרידן.

חיים דוד האָט זיך אָנגערופן: הערט אויס, יידן,
מיר זענען נאָך קיינמאָל אַזוי שלעכט נישט געשטאַנען,
ווי היינט. אַז ס׳איז אויף דער וועלט גאָר קיין אָרט נישט פאַראַנען
פאַר אונדז! מען ברענט די טריט! פון אומעטום וויל מען טרייבן —
און וווּ אַהין? — און לויט די גאַזעטן שרייבן — — —

„גאַזעטן שרייבן״! — רב גיטמאַן האָט פאַרקרומט די נאָז:
שוטה איינער! און אַז די „גאַזעטן שרייבן״, איז וואָס? —
מענדל, נעם שוין און זינג אליהוס...

די מאַמע איז אויף יענער זייט שוועל געשטאַנען
פון געזאַנג דערהויבן. כאָטש ז׳האָט דעם טייטש נישט פאַרשטאַנען,
האָבן די ווערטער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן,
זי באַרוישט און ווי דער שאַל פון אַ גאָלדענעם האָרן,
זענען די נעמען: אליהו, דוד, משיח,
אַזוי אָפּט ווי זיי האָבן איבערגעחזרט זיך,
איר אויער פאַרביי. — עך, זאָל ער מיט דער גוטער בשורה
שוין קומען אליהו! היילן די ווונדן אירע,
אירע און פון דער גאַנצער וועלט. זאָל ער טרייסטן, טרייסטן!

די וועלט — מיינט די מאַמע — דאַרף אים איצט אַממיינסטן,
ווייל די טעג, כאָטש ליכטיקע, שיינע, דריקן שווער אַזוי.
ווייל ווי טרערן גייט אויף דער פרימאָרגנדיקער טוי.
ווייל די זיסע סופּזומער־שפע איז ביטער ווי גאַל,
ווייל איר האַרץ איז פול, גייט איבער און ווייל בכלל —

צוועלף עופּהלעך זענען זיי פון איר טראַכט אַרויס.
זענען דריי געשטאָרבן אויף איר ציטערדיקער שויס
און געבליבן זענען ניין. דאָך איין טעכטערל בלויז,
דאָס יינגסטע פון אַלע, „ליגט" דאָ נאָך, אין דער „העק" —
אַזוי רופט זי איר היים — און אויך זי ציט עס שוין אַוועק...

איין זון אין ניו־יאָרק, אַז אַך איז איר און ווי!
כאָטש ער שרייבט אַלץ כסדר „אָלרייט" און „אָ־קיי",
הערט זי אין די בריוו די בענקשאַפט אים נאַגן,
און ווי זי בענקט נאָך אים, איז איבעריק צו זאָגן.
אַ קינד — אַ בריליאַנט.

דער צווייטער אין פּאַריז,
און כאָטש ס׳איז דאָ ברויט, לעבט ווי עס איז,
ווייל ער טרייסט זי כסדר „ביען" און „ביען" —
און דאָס הייסט גוט — פונדעסטוועגן, ווען
זי האָט אים ביי זיך, וואָלט בעסער געווען.
ווייל, כאָטש דער פון אויבן איז אומעטום דאָ,
דאָך שנעל לויפט דאָס לעבן. אַ שעה נאָך אַ שעה,
אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

װי לאַנג דען געדויערט עס דאָס לעבן גאָר!
און יעדער פֿאַר זיך! און יעדער באַזונדער!
און דורך טינט־צייכנס רעדט מען צו אייגענע קינדער,
צו משהן און שמואלן, די זין אירע צװיי.

און רחל מיט לאהן, די טעכטער נאָך זיי,
האָבן חופּות דאָ געשטעלט און באַלד מיט די מאַנען
איבער ימען אַװעק אַזוי װייט פֿונדאַנען,
אַז ביז מען דערלעבט צו דערהאַלטן אַן אות,
קריכן די אויגן פֿון די לעכער אַרויס.

זי גייט אויף דער פּאָסט, כאָטש דער בריװטרעגער יאַן
מוסרט זי כסדר: אויב ס'איז נאָר פֿאַראַן
אַ בריװ צו דיר, צי קום איך נישט צו גיין?
פֿאַרװאָס־זשע איז די מאַמע מטריח זיך אַליין
אַזש אַהער אויף דער פּאָסט? גיי דערצייל אים דעם גוי,
אַז אַ יידישע מאַמע איז צעװייטיקט אַזוי,
אַז אַ גורל האָט גאָט איר באַשערט אַזאַ הארטן,
אַזאַ ביטערן שװערן, און אַז זי קאָן נישט װאַרטן,
ביז ער װעט ערשט שפּעטער קומען צו גיין.
און אויב ס'גייט אים אין דעם, װאָס אין דער יד אַריין,
װעט זי געבן סיי־װי. זאָל אַ בריװל נאָר זיין.
אַ בריװל פֿון קינדער! קאָן יאַן דען פֿאַרשטיין
װי טייער דאָס איז! גאָט האָט געגעבן
דעם בריװטרעגער יאַן אַ בעסער לעבן
װי איר, דער מאַמען. קודם — די קינדער דערלעבן.

אין שכנותדיקן דערפל, צי אַ דערפעלע ווייטער.
ער וויל זיי זען — קומט זונטיק, גייט ער
און דאַרף נישט קיין באַן, און דאַרף נישט קיין שיף,
און דאַרן און האַרן אויף פּאַפּירענע בריוו!

לאה אין קאָלאָמביע און רחל אין בראַזיליע! —
גאָט פאַרגיב! — נאָר אַ ציגיינער פאַמיליע
לעבט איינציק דאָך אויך אין ביידל צוזאַמען! —
הער איך נישט איינמאָל זיך קלאָגן מיין מאַמען.

דער דריטער זון איז דערווייל נישט אַוועק אַזוי ווייט,
אין דער הויפּט-שטאָט לעבט ער — נאָר ר'איז סתם נישט קיין לייט.
אין די דרייסיקער שוין און גיט זיך קיין חשבון נישט אָפּ,
און זוכט נישט קיין תכלית. נאָר פאַרדרייט זיך דעם קאָפּ
מיט זאַכן, וואָס וואָלטן פּאַר אַ ייִנגעלע געפּאַסט,
נישט פאַר אים. ווען ער קומט אַ מאָל אין שטעטעלע צו גאַסט,
און זי פרעגט אים, וואָס ס'וועט זיין פון אָט דעם קינדער-שפּיל,
און צי קלערט ער: אייביק אַזוי טריל-טריל, ווי די גריל —
לאַכט ער... — גאָט מעג אים העלפן און דערפירן צו אַ ציל!

דער פערטער זון אירער פאָרט אויך באַלד אַוועק — קיין בראַזיל
צו דער שוועסטער.
און יאַנקעלע, דער פיפטער פון די זין,
אָן אַ גראַשן אין טאַש, איז אַוועק דאָרט אַהין,
ווו עס ליגט די מאַמע רחל. אין יענעם לאַנד,
וואָס אי ס'איז איר ליב, אי ס'איז באַקאַנט

פון טייטשחומש לייענען. — זי אַליין,
ווען דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם שוין זיין
און אויסלייזן ס׳פאָלק מיט זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם,
וואָלט געלאָפן, נישט געגאַנגען — וואָרעם
איר כאַטקעלע דאָ פון שטרוי און פון ליים,
כאָטש ס׳איז איר ליב, איז פאָרט נישט קיין היים.
אויך זומער איז קאַלט. עס פרירט דאָ — אַ שרעק.
און אַ פויגל פליט דאָך אויך אין הארבסט־צייט אַוועק
אין אַ וואַרעמער לאַנד. ווען גאָט הייסט נייַן,
וואָלט זי דאָ נישט געזעסן. נאָר איינע... אַליין...
ווייל מיט וועמען? יאַנקעלע — ס׳זאָל אים קיין גנאי נישט זיין,
אַ טייער קינד — נאָר דער גרויסער משיח
וועט פרומער זיין ווי ער... און נישט קיין גלוח...
גאָט מעג אים מוחל זיין, יאַנקלען, די זינד.
ער האָט ליב דאָס לאַנד, ווי אַמאַמע אַ קינד.
זי ווייסט נישט ווי לעבט ער דאָרט, אין זעט, צי אין נויט.
— ס׳איז יאָ דאָ ברויט, צי ס׳איז נישטאָ קיין ברויט —
אַזוי שרייבט ער פון דאָרט — איז טוב מאוד.
און דאָס בילד דיינס, מאַמע, בעט איך דיך, שיק עס.
און צי האָט דער טאַטע דערהאַלטן דעם אתרוג אויף סוכות.
גרים אים און שרייב, וואָס טוט יידעלע איצט — — — —

און יידעלע, דער לעצטער פון אירע זין, זיצט!...
נישט אין בית־המדרש, איבער ספרים געבויגן,
ווי די זיידעס און פעטערס... כאָטש טויבן־אויגן
האָט ער ווי זיי, און אויך דאָס הארץ איז אַזוי.

ווייל זי קוקט נישט אויף דעם, וואָס זיין וואָרט איז רוי,
טרוקן און האַרט ווי די שאָל פון אַ ניס...
דר׳עיקר — ווייסט זי — איז דאָס, וואָס אינעווייניק איז.
און זי, וואָס זי קען יעדעס קינד אירס באַזונדער,
ווייסט, ר׳איז נישט ערגער פון אַלע אירע קינדער.
צו מענטשן — אַ דימענט. נאָר וואָס שייך צו גאָט,
איז שוין גלייכער צו שווייגן. יעדערער האָט
זיינע וועגן צו אים און עס קומען זיך צוזאַמען
די אַלע וועגן, אַזוי וויביימער־שטאַמען
אין בשותפותדיקן וואַלד, אַ שטאַם ביי אַ שטאַם.
ווי די טייכלעך, וואָס פליסן אַריין אין דעם ים.
זי טראַכט זיך אָפט: אויף זייער אייגענעם אופן
דינען זיי גאָט. ווּהין זיי זאָלן נישט לויפן,
ווּהין זיי זאָלן נישט גיין. און דאָס אַליין
איז דאָס טראָפּעלע טרייסט אין די שעהן פון איר פיין.

אָן וווערטער טוט זי אָפט תפילה, די מאַמע מיינע,
און איך בין זיכער: גאָט באַצירט די שענסטע קרוין זיינע,
יענע קרוין, וואָס נישט פון גאָלד און זילבער איז זי געשמידט.
נאָר איר שיינקייט איז די טרער, וואָס אַ ריין געמיט
פאַרגיסט פאַר אים פאַרבאָרגענערהייט, ווען קיינער זעט —
אָט־אָ־די קרוין זיינע באַצירט ער — אויך מיט איר געבעט.

פון יענער זייט טיר, די שוועל נישט איבערגעטרעטן,
האָט זי געהערט „אליהום״ זינגען און געבעטן:
שיק אַראָפּ אונדזער אייביקן, שיינעם חלום,
שיק אַראָפּ. זאָל ער געביטן פרידן, שלום

די גאַנצע, גרויסע וועלט דיינע. פאָלק ביי פאָלק, לאַנד ביי לאַנד.
און ביז ער וועט קומען — מיטן איילבירט־צווייגל אין האַנט,
אויף דעם קליינעם, גרויען אייזעלע צו רייטן —
ביז דאַן — זיי דו אונדזער שוץ אין די ביטערע צייטן!
ווייל די וואַסערן גרייכן שוין ביז איבערן האַלדז,
ווייל דאָס לעבן האָט מיך פאַרשעמט, און דו ביסט אַלץ, אַלץ,
וואָס ס׳איז מיר נאָך פאַרבליבן. שענק געזונט, פּרנסה און פרייד
די קינדער מיינע, ווו זיי זענען, נעבעך! וויַיט צעשפּרייט
אין אַלע עקן וועלט! און דאָס לאַנד, ווו יעדעס פון זיי איז,
בענטש מיט דיין גענאַד, אָ גאָט! לאָז זיין שלום אין פּאַריז,
און אין ניו־יאָרק, און אין קאָלאָמביע, און אין בראַזיל.
און אויך מיך דאָ אין פּוילן, לאָז אויסלעבן שטיל
דאָס רעשט ביסל יאָרן מיט דעם אַלטן באַנאַנד.
לאָמיר הערן גוטע בשורות פון דעם הייליקן לאַנד,
רבונו של עולם, פון דעם געליבטן לאַנד דיינעם.
און אויב ס׳איז די צייט שוין, פאַרזאַמל אונדז אינאיינעם
דאָרט אַהין, דאָרט אַהין, ווייל ווו דען, אויב נישט אַהין???

ז׳איז אַרוים פון צימער. דער שטילער ערב־באַגין
האָט זי איינגעהילט צאַרט אין זיין טיף־בלויען סוד.
און זי האָט דערפילט איר לייב ווי אַ קליינעם טייל פון גאָט,
וואָס האָט אין חלל געשוועבט צווישן ערד און שטערן.
ז׳האָט זיך געשעמט מיט די זאָרג און מיט די טרערן,
וואָס ז׳האָט פאַרגאָסן אָט ערשט, פאַר עטלעכע סעקונדן —
און אַזוי האָט פּאַסירט, אַז אַלע אירע וווּנדן
זענען פאַרשוווּנדן אַ ווייל פון איר צעווייטיקט געמיט
און זייער אָרט האָט פאַרנומען: גאָט, באַגין און ליד.

נ אָ כ ו ואָ ר ט

ליבער לעזער! איך האָב אַנדערש דיר זינגען געוואָלט:
פון די דערנער אין מיין לעבן און פון דעם פינקעלע גאָלד,
וואָס האָט אויפגעלויכטן צייטנווייז און פאַרשווונדן באַלד
און אַליין מיך געלאָזט אין דעם גרויסן לאַבירינטן-וואַלד
פון לעבן. כ'האָב דיר פון מיין קינדהייט געוואָלט דערציילן,
דער הייליקער, ריינער. פון די אוצרות אין די היילן,
וואָס האָבן געלויכטן שענער פון דער זון מיט די שטערן. —
די אוצרות האָבן געוואַרט, ביז כ'וועל גרעסער ווערן
און קומען זיי נעמען. נאָר ווען כ'האָב אויפגעבליט,
גרעסער געוואָרן, האָט אָנגעהויבן וואַקלען מיין טריט
אויפן וועג צו דעם חלום, וואָס האָט אין דער סאַמע מיט
זיך איבערגעריסן.

ליבער לעזער! אויף אַ יאָריד
אַ שטויביקן האָט עמעצנס האַנט מיך אַוועקגעשטעלט
פלוצים אויפם כוח. פרעמד איז מיר געוואָרן די וועלט,
די ערד. און אַזאַ צאָרן האָט געזאָטן און געברענט
און געבראָטן, אַז כ'האָב קוים אָטעמען געקענט
אין דעם אַרום. דאָך די גאָלד-פעלדער פון ווייץ און קאָרן
האָבן אָפט מיך געהיילט. כ'בין גאָר אַנדערש געוואָרן
לעבן זיי. זיי האָבן געלינדערט מיין צער און צאָרן,
און ווי נאָר כ'בין אַריבער די גרענעצן פון שטאָט,
פלעגן ווינטלעך פאַרזינגען מיך, פאַרוויגן, גאָטס גענאָד

האָט אַראָפּגענידערט איבער מיר און שטיל מיך געמאַכט.
דער וואַלדיקער ראַנד האָט געבלאָט, דער הימל האָט געלאַכט,
ווי עס לאַכט אַ מאַמע צו איר קינד אין דער וויג.

כ׳האָב אויך דערציילן דיר געוואָלט פון אויסברוך פון קריג,
וועגן די טויזנטער שרעקנס און סכנות אַ סך;
מיין אַוועקפאָרן פון שטעטעלע אין דער גרויסער כרך
מיט אַ צאַפּל פון האָפנונג און אַ גלויבן פון אַ קינד,
פון מיין וואָגלעניש דאָרט, פון מיין ערשטער זינד
און נאָך און נאָך. אָבער אַנדערש איז אַרויס מיין געזאַנג,
ווייל ווי נאָר כ׳האָב צום שטעטל מיין האַרץ און געדאַנק
געווענדעט און דערזען פאַר מיין אויג די היים, די שטילע,
האָבן, נישט-נאָר די מענטשן, נאָר די ווענט אַפילו
אַזוי מיך געפאַנגען, אַז כ׳בין פאַרגאַפט ביי דער טיר
שטיין געבליבן און אינגאַנצן פאַרגעסן פון מיר
צו דערציילן. אַזוי, אַז דאָס ביכל, וואָס ליגט פאַר דיר,
איז נישט מער ווי אַן אָנהייב, אַן הקדמה בלויז.
ליבער לעזער! נאָך היינט טרעפט מיט מיר: ווי אַ רויז
צעבליט, צעלאַכט זיך די וועלט. און דער צאַרטער באַגין,
דער גאָלד-שטויביקער טאָג, די נאַכט מיט איר זילבער-געשפּין —
אַלץ, אַלץ זעט מיר אויס אַזוי ווויל און געשאַפן
פון אַ גוטן גאָט. און כאָטש כ׳בין אַליין צווישן שקלאַפן
אַ שקלאַף און גאַנץ אָפט קאַכט עס אין מיר און ברויזט
און גאָר נישט זעלטן הייב איך מיין געביילטע פויסט
צו די הויכע הימלען און צו די הערן פון דער וועלט —
און פונדעסטוועגן... ס׳טרעפן מינוטן, ווען אַלץ העלט,

אַלץ שטראַלט און זינגט, ווי אַ טייכל, בעת עס קוועלט
און אַלץ איז גוט. מען דאַרף נאָר, דאַכט זיך, צורעכט מאַכן
עפּעס אַ קלייניקייט דאָרט... עס זאָלן קענען לאַכן
די הימלען מיט זייער אמתער גרויסער שאַפונגס־פרייד.
נישט מער ווי עפּעס אַ קלייניקייט פעלט, אַ קלייניקייט.
און מען וועט עס גוט מאַכן! ס׳וועט מוזן ווערן גוט!

ליבער לעזער! אין אַ זייער פאַרחלומטער מינוט
שרייב איך צו דיר איצט די לעצטע פּאָר צײלן.
מיר דאַכט זיך, אַז די אוצרות ליגן נאָך אין די היילן,
און זיי לייכטן ווי די זון, און זיי פינקלען ווי די שטערן,
און זיי וואַרטן אויף אונדז, מיר זאָלן גרעסער ווערן
און קומען זיי נעמען...

נו, גענוג אויף אַצינד.
מיר דאַרפן, שיינט מיר, אי גרויס זיין און אי זיין קינד.
ביידע זאַכן דאַרפן זיין געפּאָרט. — און דר׳עיקר: באַזעלט
מיט מוט און גלויבן. — אַ פּראָפּאָ: וואָס כ׳האָב פאַרפעלט
אין מיין איצטיקן בוך, די שוין דערמאָנטע שטעלן, —
אויב גוטע ווינטן ווען בלאָזן און גאָט וועט וועלן,
וועל איך דאָס פאַרפעלטע אַ צווייט מאָל אייך זינגען.
נאָר הערט: ס׳איז נישט מיין שטייגער אין די טאַצן צו קלינגען,
און אין רויטן פּאַיאַצן־היטל מיט קונסט און קינץ
דאָס ביסל רום אויסצובעטלען און דאָס ביסעלע מינץ.
כאָטש ס׳איז גאָרנישט אַזוי ווויל, ווען אָט די ביידע פעלן...
ס׳איז אויך נישט מיין שטייגער צו לאָזן זיך באַפעלן,

צי, אַליין כלומרשט, אונטערצוקומען וועמענס פאַרלאַנג;
צוצושניידן ליד און אויפצונייען געזאַנג,
אַזוי ווי עמעצער זאָגט, אַז דער לעזער וויל...
דאָס באַפרייאונגס-ליד איז מיר טייער — אָבער שותּפות-סטיל?!!!

אַלזאָ, ליבער לעזער, מיר וועלן קיין וועלטן נישט קערן,
זינגען שטיל און פריי און דו וועסט פונדעסטוועגן הערן...

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג הורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן-שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יוסף וואָלף: לייענענדיק פרצן
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פאוויאַק
צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
שלמה וואַגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
עוזר וואַרשאַווסקי: שמוגלאַרס
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
מנשה אונגער: רביישע הייף
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אפּאַטאָשו: פּוילן
יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאך: מאַטעריאַלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: אַרישע פּאַפּירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאַזאָוויע
פ. בימקאָ: אַמאָל אין פּוילן
נח גריס: קינדער אינעם קאַמף (דאָקומענטן)
ה. לייוויק: דער נס פון געטאָ
נחמן מייזיל: דיכטער־מאַרטירער
מ. נודעלמאַן: אָפּגעשפּילט...
מ. קאָסטרינסקי: פּינסק
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
מיכאל און צבי ראַיאַק: חורבן גלובאָק
ד"ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
ד"ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פאַרביי...
ל. שפּיזמאַן: די חלוצישע באַוועגונג אין פּוילן

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאס פוילישע יידנטום

▼

א. ל. שוסהיים שרייבט וועגן בוך פון יאנאס טורקאוו „אזוי איז עס געווען" אין אן ארטיקל „א נײַ בוך וועגן חורבן ווארשע" („די יידישע צייטונג", בוענאס איירעס, דעם 6טן אפריל 1948):

נויטיקן מיר זיך נאך אין ביכער וועגן חורבן ווארשע? דוכט זיך אז מען האט וועגן דעם שוין גענוג געשריבן. ווייניק ידיעות וועגן ווארשע האבן געבראכט די יידישע בלעטער די לעצטע יארן? ווייניק האבן מיר זיך דערוווסט פון פריוואטע בריוו. פון דערציילונגען פון געראטעוועטע?

נו, אוודאי ווייסן מיר גענוג — גענוג אויף צו פארביטערן און פארסמען אונז די נשמה. אבער נאך אלעמען ווייסן מיר נאך זייער ווייניק. פון דער מוראדיקער קאטאסטראפע פון פוילישן יידנטום און פון אייראפעאישן יידנטום בכלל איז צו אונדז דערגאנגען נאר א שוואכער אפקלאנג. פון די גיהנום-לײַדן פון פוילישן יידנטום אונטער דער נאצישער טיראניע האבן די יידן אין די אמעריקאנער לענדער דערפילט נישט אפילו א טויזנטסטן חלק.

מיר רעדן אלע וועגן דער אויסראטונג פון זעקס מיליאן יידן. מיר חזרן איבער אזוי אפט דעם דאזיקן פזמון פון די זעקס מיליאן, אז די דאזיקע שוידערלעכע טראגעדיע פון אונדזער פאלק איז שוין כמעט אויסגעליידיקט געווארן פון איר אומענדלעכער טראגיק. די „זעקס מיליאן" זענען דערפירט געווארן צו א שאבלאן.

מיר געבן זיך נישט אפ קיין חשבון, מיר קענען זיך גאר נישט אפגעבן אזא חשבון, וואס דאס הייסט

אויסמאָרדן זעקס מיליאָן מענטשן. לאָמיר נאָר באַטראַכטן אַ בייַשפּיל: אורוגוויי און פּאַראַגוויי האָבן ביידע צוזאַמען נישט קיין דריי מיליאָן איינוווינער. דאָס הייסט, אַז ווען עס זאָל חלילה דורך עפּעס אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע פאַרשווינדן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן פון אַזעלכע צוויי לענדער ווי די ערשט דערמאָנטע, וואָלט דאָס ערשט געווען נישט אפילו אַ העלפט פון אונזער בראָך.

וויל מען פאַרגלייכן מלחמה־פאַרלוסטן, איז געגוג צו דערמאָנען, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין דער איצטיקער מלחמה געהאַט אַ פאַרלוסט פון אַרום 214.000 סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער לעבן אין קאַמף. אַלזאָ אַ גרויסע וועלט־מאַכט האָט אין אַ שווערער מלחמה פאַרלוירן אומגעפער אַ 25סטן חלק פון דעם וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אין מענטשן לעבנס. אָדער אַזאַ פאַרגלייך: די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין דער פיר־יעריקער מלחמה פאַרלוירן אין מענטשן־לעבנס אומגעפער אַ דריטל פון דעם וואָס מיר יידן האָבן פאַרלוירן אין בלויז איין וואַרשע. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אָבער פאַרן פּרייז פון די 214 טויזנט לעבנס, געוואונען אַ שווערע, אַ געפערלעכע מלחמה און זיי זענען אַרויס פון דער מלחמה געשטאַרקט אַלס אַ גרויסע שטאַרקע וועלט־מאַכט. מיר יידן אָבער, וואָס האָבן מיר געוואונען? מיר האָבן גאָר נישט געוואונען. מיר האָבן אַלץ פאַרלוירן. און אפילו דאָס קליינע שטיקל באָדן אין ארץ־ישראל ווילן אונדז די פעלקער, ווילן אונדז די זעלבע פאַראייניקטע שטאַטן נישט אָנערקענען.

אָט דאָס איז דער חילוק צווישן אונדז און די פעלקער, צווישן אונדזערע מלחמה פאַרלוסטן און זייערע. און דערפאַר טאַקע דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן אַ פולן חשבון וועגן אונדזערע פאַרלוסטן, וועגן די מוראַדיקע ליידן פון אונדזערע ברידער אונטער דער נאַצישער טיראַניע, וועגן דעם העראָאישן קאַמף פון אונדזערע ברידער פאַר זייער לעבן, פאַר זייערע פאַמיליעס, פאַר זייער יידישן און מענטשלעכן כבוד — אַ קאַמף וועלכן זיי האָבן געפירט ביי דער פולער גלייכגילטיקייט פון די גרויסע און קליינע מאַכטן פון אייראָפּע און אַמעריקע.

יאָ, מיר רעדן וועגן זעקס מיליאָן דערמאָרדעטע יידן און מיר האָבן פון דעם וואָרט שוין געמאַכט ממש אַ שאַבלאָן. מיר פאַרגעסן דערביי ליידער די גיהנום־ליידן פון יעדן איינעם פון די דאָזיקע זעקס מיליאָן.

זעקס מיליאָן איז דאָך סוף כל סוף נישט מער ווי אַ צאָל. אַ צאָל, וועלכע מיר קענען אייגנטלעך נישט באַנעמען אין איר ווירקלעכער גרויס. באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן.

וואָס זענען זעקס מיליאָן מענטשן? וואָס קענען מיר זיך פאָרשטעלן ווען מיר רעדן אַז מען האָט אויסגעמאָרדעט זעקס מיליאָן מענטשן? וואָס עס באַרירט אונדז ביז צום תוך פון אונדזער נשמה איז דאָך שטענדיק קודם־כל דער איינצלנער מענטש מיט זיין שיקזאַל, מיט זיינע יסורים מיט דער מוראַדיקער רשעות וואָס אַנדערע באַגייען קעגן אים.

יאָ, עס גייט קודם־כל וועגן דער
רשעות, וועגן דער גלייכגילטיקייט פון
דער וועלט צו דער רשעות וואָס ווערט
באַגאַנגען קעגן אונדז.

אָט די דאָזיקע קליינע סצענע וואָס
יאַנאַס טורקאָוו ווייזט אונדז אין זיין
בוך:

„אין ערשטן טאָג פון דער יאַ־
נואַר־אַקציע" האָט זיך אין גער־
טנדל (סקווער) וואָס איז געלעגן
צווישן מילנע־נאַוואָליפּיע און
קאַרמעליצקע, ד"ה אויפן „ווילדן"
טעריטאָריום, דערהערט אַ קינ־
דער־געוויין. אויף דער נאַסער
פאַרפרוירענער ערד איז זיך גע־
זעסן אַ יידיש קינד פון אומגעפער
3 יאָר און געוויגט אַ קליין וויגע־
לע, אין וועלכן ס'איז געלעגן אַ
קינד פון נישט קיין גאַנץ יאָר
אַלט. דאָס קלענערע האָט שרעק־
לעך געוויינט. דאָס האָט אוודאי
אַן אומגליקלעכע מאַמע איבערגע־
לאָזט בעת דער „אַקציע" אירע
צוויי קינדער אויף „גאָטס באַ־
ראָט". אָבער נישט גאָט און נישט
מענטשן האָבן זיך אויף זיי מרחם
געווען. דאָס קליינע קינד האָט
אומאויפהערלעך געוויינט און גע־
שריגן, אַז די הימלען האָבן זיך
געדאַרפט שפּאַלטן... און די הימ־
לען האָבן זיך געשפּאָלטן און —
ס'איז אַראָפּ אַ גרויסער שניי...
דאָס דריי־יעריקע מיידעלע, וואָס
האָט דעם קלענערן קינד פאַר־
טראָטן די מאַמע, האָט נישט גע־
וויינט און נישט געשריגן: זי האָט
געהאַלטן דאָס קלענערע קינד און
פון צייט צו צייט אָפּגעווישט פון
איר פּנימל דעם שניי אין וויטער
געשאָקלט דאָס וויגעלע. די קוים 3
יעריקע „מאַמע" האָט אויסגעזען
ווי אַ שניי באַלוואַן, פון וועלכן
עס האָבן אַרויסגעלויכט צוויי
גרויסע, ליכטיקע יידישע אויגן"...

אַלזאָ צוויי קליינע קינדערלעך זע־
נען געבליבן אין גאַס, פאַרלאָזענע
יתומים אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן
טאָג, און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל
זיי העלפן — מען טאָר זיי נישט
העלפן. ווארום די צוויי עופהלעך
האָבן ניט קיין רעכט צו לעבן פונקט
ווי זייער מאַמע, וועלכע די דייטשן
האָבן אַוועקגעריסן פון אירע קינדער,
האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו לעבן.
און דאָס האָט פּאַסירט טויזנט מאָל,
הונדערטער טויזנטער מאָל נישט ער־
געץ אין אַפריקאַנער דזשאָנגל נאָר
אינעם האַרץ פון אייראָפּע, אין וואַר־
שע, וואו מחוץ פון געטאָ איז אַפילו
אונטער דעם שונאס אָקופּאַציע אָנ־
געגאַנגען אַ מער אָדער ווייניקער נאָר־
מאַל לעבן.

* * *

יאַנאַס טורקאָווס בוך „אַזוי איז עס
געווען" איז אַ בוך פון טאַטזאַכן. יאַ־
נאַס טורקאָוו איז געווען אין וואַרשע
פון ערשטן טאָג מלחמה ביז צום בי־
טערן סוף. ער האָט מיטגעלעבט און
מיטגעליטן די מלחמה און די נאַצי־
שע רדיפות אַלס אַן עסקן אין די פאַר־
שידענע קולטורעלע און זעלבסט־
הילף־אינסטיטוציעס אין געטאָ. און
ער באַשרייבט די פאַרשידענע סיטו־
אַציעס אין געטאָ, די דייטשע „אַק־
ציעס", די פאַרשידענע אופנים ווי
יידן פון פאַרשידענע קרייזן האָבן
רעאַגירט אויף די דייטשע אויסראָ־
טונגס אַקציעס און פּלענער. ער דער־

ציילט וועגן יידן, וועלכע דערפילן
אונדז מיט שאַנד און פאַרביטערונג
— צו אונדזער גליק איז זייער צאָל
דאָך נישט געווען אַזוי גרויס, ווי די
פון די אַנדערע יידן וועמענס אינע־
רער יידישער שטאָלץ און וועמענס
אמתע מענטשלעכקייט זענען פאַר
אונדז אַ גרויסע טרייסט.

די מאָראַלישע געפאַלנקייט פון אַ
טייל יידן איז פאַר נאָרמאַלע מענ-
טשן פשוט אומפאַרשטענדלעך. ווי
אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז
יידן זאָלן מיטאַרבעטן מיט די מער-
דער פון זייערע ברידער? ווי אַזוי
האָבן די מענטשן פון דער יידישער
פאָליציי געקענט ווערן אַזוי דעגענע-
רירט צו מיטאַרבעטן מיט די גרעס־
טע שונאים און מערדער פון זייער
פאָלק? און אפילו ווען מען זאָל וועלן
אָננעמען פאַר זייער „זכות", אַז זיי
האָבן דורך זייער געמיינער מיטאַר־
בעט מיט דער געשטאַפּאָ געטראַכט צו
ראַטעווען זיך זעלבסט און זייערע
פאַמיליעס, באַרעכטיקט דאָס זייער
נידערטרעכטיקע אַרבעט? דער דאָזי-
קער „זכות" איז דאָס נישט. ס'איז
נישטאָ קיין שום מאָראַלישע פאַר־
ענטפערונג פאַר די דאָזיקע יידישע
פאָליציאַנטן, אפילו ווען מען זאָל זיי
געווען צוזאָגן אַז זיי וועלן פאַר זייער
מיאוסן פאַרברעכן קענען ראַטעווען
זייערע פאַמיליעס. אָבער די יידישע
פאָליציאַנטן האָבן נאָך געהאַנדלט
„לפנים משורת הדין" — זיי האָבן
זיך אָפט איזדיעקעוועט איבער יידן
נאָך ערגער ווי די דייטשן, די אוקראַי-
נער און די אַנדערע הענקער-קנעכט
פון די דייטשן.

יאַנאַס טורקאָוו ווייזט אונדז אין
זיין בוך אַ גאַנצע גאַלעריע פון אַזעל־
כע פאַרברעכערישע מיאוסע יידישע
טיפּן. דאָ איז למשל שמאי גראיער,
וועלכער האָט געהאָלפן דער געשטאַ־
פּאָ ביי דער ליקווידירונג פון די לוב-
לינער יידן און וועלכער איז דערנאָך
געקומען מיט דער מערדער־באַנדע פון
איינזאַץ-ריינהאַרדט קיין וואַרשע צו
העלפן זיי ביי די „אַקציעס". דאָ זע-
נען אַזעלכע טיפּן ווי אברהם גאַנצ־
ווייך אַ געוועזענער ישיבה־בחור,
וועלכער וויל שפּילן די ראָלע פון אַ
יידישן קולטור-מענטש, ער וויל כלו־
מרשט שטיצן יידישע שרייבער, אַק-
טיאָרן און אַנדערע אינטעלעקטואַלן.
ער אָרדנט איין ביי זיך עונג שבת ביי
רייך געדעקטע טישן (ווען אין געטאָ
גייען יידן אויס פון הונגער), און
גלייכצייטיק איז ער אַן אייגענער
מענטש ביי דער געשטאַפּאָ. דאָ זע-
נען גאַנצוויכס קענגשפּילער אין דער
געשטאַפּאָ, די יידן קאָן־העלער, וועל־
כע נוצן אויס זייער סיטואַציע אויף
צו מאַכן „געשעפט" (פאַרשטענדלעך,
אַז אין שטילן שותפות מיט געוויסע
געשטאַפּאָ־פירער). דאָ זענען די אָפי-
צירן פון דער יידישער פאָליציי לע-
דערמאַן, ברעוודא, פירסטענבערג,
לייקין, יאָסל קאַפּאָטע א"א.

דער דאָזיקער לייקין, אַ געוועזע־
נער אַדוואָקאַט איז דער גרעסטע־
מנוול אין דער חברה. בעת אַן „אַק-
ציע" קומט ער צולויפן אין אַ הויז,
וואָס איז שוין דורכגעזוכט געוואָרן
דורך אַלע מחבלים פון דער געשטאַ־
פּאָ, זוכן נאָך באַהאַלטענע יידן. עס
איז אים געגאַנגען אין לעבן דעם דאָ-
זיקן אויסוואורף, אויסצוזוכן אַלע מעג־
לעכע און אוממעגלעכע באַהעלטענישן

אַרויסצורייסן די יידן פון די באַהעל־טעניש, כדי געשטאַפּאָ זאָל חלילה קיין שאָדן נישט ליידן. פון וואַנען האָבן זיך ביי אונז גענומען אַזעלכע מיאוסע פאַרברעכערישע טיפּן?

נעבן די דאָזיקע דעגענערירטע גע־שטאַלטן פון די גראַיערס, די גאַנצ־ווייכס, די לייקינס, די לעדערמאַנס און זייער גלייכן, ווייזט אונדז יאַנאַס טורקאָוו די הערלעכע געשטאַלטן פון אַ נחום רעמבאַ, פון אַ גאַלאַמב גרינ־בערג און פון פיל אַנדערע, וועלכע האָבן מיט אמתער מסירת נפש זיך באַמיט צו ראַטעווען יעדן יידישן נפש, ווו ס׳איז נאָר געווען אַוועלכע ס׳איז מעגלעכקייט.

ווי געזאָגט, איז יאַנאַס טורקאָווס בוך אַ בוך פון פאַקטן, פון פאַסירונ־גען, וועלכע דער מחבר האָט געזען מיט זיינע אויגן, האָט אַליין איבער־געלעבט און ער באַשרייבט דאָס אי־בערגעלעבטע מיט דער גאַנצער זאַכ־לעכקייט. געוויסע פאַסירונגען און געוויסע טיפּן, וועגן וועלכע מיר האָ־בן שוין געלייענט ביי אַנדערע מחב־רים, קומען אַרויס ביי טורקאָוון אין זייער „פולן ליכט" און מיט אַלע פּרטים.

אויך וועגן די אַרבעטס „שאָפּן" ווו יידן האָבן נאָך די פאַרשידענע אַק־ציעס געפּרוווט זיך ראַטעווען, דער־ווייסן מיר זיך ביי טורקאָוון אַ סך וויכטיקע פּרטים.

יאַנאַס טורקאָווס „אַזוי איז עס געווען" איז נישט בלויז אַ צונויפ־זאַמלונג פון מאַטעריאַלן און דאַטן פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער וועגן חורבן פון פוילישן יידנטום, נאָר עס איז אויך אַ בוך פאַר פּשוטע לייע־נער, וועלכע אינטערעסירן זיך צו ווייסן עפּעס מער וועגן דעם חורבן וואַרשע, דעם חורבן פון דער גרעס־טער יידישער קהלה אין דער וועלט.

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביבער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

Unión Israelita Polaca

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

Este libro se terminó de imprimir
el día 14 de mayo de 1948 en los
Talleres Gráficos Julio Kaufman,
Corrientes 1976, Buenos Aires.